STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11933

# VOS YEDE MEYDEL DARF VISN

Margaret Sanger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

**Margaret H. Sanger**
**What Every Girl Should Know**

מאַרגאַרעט ה. סענגער

# וואָס יעדע מיידעל דאַרף וויסען

איבערזעצט פון

**ק. טעפּער**


מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יאָרק.

424 GRAND ST.
NEW YORK

אידישער פערלאג
פיר ליטעראַטור
און וויסענשאַפט.

MAX N. MAISEL
PUBLISHER

1916

Copyright 1916
Max N. Maisel, Publisher

# אינהאלט:


## אינלייטונג.

## מיידלישע יאָהרען.

1) פיזישע ענטוויקלונג

2) גייסטיגע ענטוויקלונג.

## געשלעכטליכע רייפקייט.

1) אנאטאָמישעס

2) דאָס מאָנאטליכע.

## דער געשלעכטליכער אינסטינקט.

1) אנאניזם.

2) דער געשלעכטליכער אינסטינקט ביי חיות און מענ־שען. אינסטינקט און ליעבע.

## רעפּראָדוקציאָן.

1) ביאָלאָגישעס.

2) שוואנגערשאפט: ווי זיך פיהרען אין צייט פון שוואנגערשאפט. אבאָרטען.

## די פּאָליטיק פון פערשוויינען.

1) ענטהאלטזאמקייט.

2) גאנארעע.

3) סיפילים.

## עלטערע יאָהרען.

## אַ פּאָר שלום־ווערטער.

# וואס א מיידעל דארף וויסען.

## קאפיטעל 1.

## איינלייטונג.

שוין לאנג ווילען פערשידענע מענשען דערגעהן די אורזאכע פון פראסטיטוציאן. דער גיט איין ערקלערונג, אן אנדערער — אן אנדערע. יעדער האט אויף זיין אייגענע רפואה צו דער גרויסער מכה, אבער אלע וואס האבען זיך פעראינטערעסירט מיט דער פראגע פון פראסטיטוציאן, זיינען איינפערשטאנען, אז איינע פון די וויכ־טיגסטע אורזאכען, וואס טרייבט מיידלעך אינ'ם אבגרונד פון אויס־געלאסענהייט איז דאס, וואס זיי האבען קיין שום בעגריף ניט וועגען געשלעכט און געשלעכטליכען לעבען.

שטארק פערשפרייטען זיך ווענערישע קראנקהייטען און צווינ־גען צו פערטראכטען זיך מענשען, וואס וואלטען בעסער געוואלט פערשווייגען דעם גאנצען ענין. דאס געהט ניט. מיר פיהלען אלע מעהר, אז אנטקעגען פראסטיטוציאן און ווענערישע קראנקהייטען קענען מיר ניט קעמפפען אזוי לאנג, ווי די ברייטערע מאסען האבען ניט קיין ריכטיגע פארשטעלונג פונ'ם געשלעכטליכען לעבען. מיר האבען געשלאפען — איצט האבען מיר ערוואכט: די געפאהר האט אונז געוועקט פון שלאף. איצט זיינען שוין פערשידענע מענשען פון אלע זייטען מודה, אז ס'איז וויכטיג צו האבען א געזונדערען קוק אויפ'ן געשלעכטליכען פראבלעם. בעזונדערס איז וויכטיג, אז אונזערע קינדער — מיידלעך און איינגלעך — זאלען האבען די נוי־טיגע פארשטעלונגען וועגען דעם געשלעכטליכען לעבען.

איצט פרעגט מען שוין ניט קיין קשיות, צי דארפען מיר דער־צעהלען אונזערע קינדער וועגען געשלעכט. דאס איז שוין מעהר קיין פראגע ניט, א פראגע איז נור: ווער זאל אויפקלערען די קינ־דער? די מוטער? דער לעהרער אדער לעהרערין? ווען זאל מען אנהויבען רעדען מיט'ן קינד וועגען די דעליקאטע זאכען — צי אין פריהער יוגענד צי אין די שפעטערע יאהרען פון געשלעכטליכער רייפקייט?

אויף די דאָזיגע פראַגען ענטפער איך אַזוי: דאָס לאָגישסטע איז, אַז די מוטער זאָל רעדען מיט'ן קינד, ווי נור עס וועט אָנהויבען צו פרעגען קשיות. איידער דאָס קינד געהט אוועק אין שוהלע, איז ביי איהם דער איינציגער אויטאָריטעט די מוטער. איז עפּעס דעם קינד אונפערשטענדליך, ווענדט עס זיך צו דער מוטער. זי ערקלערט, זי מאַכט קלאָר אַלץ. דאָס איז נאַטירליך. עס איז דעריבער דאָס נאַטירליכסטע, אַז זי זאָל בעפרידיגען די נייגיריגקייט פונ'ם קינד, וואָס וויל וויסען וועגען געשלעכטליכען לעבען. זאָל נור די מוטער ניט זאָגען קיין ליגענס, ניט אויסטראַכטען קיין מעשיות. וועט זי ענטפערען איינפאַך דעם קינד, ניט בעהאַלטענדיג גאָר ניט — וועט זי באַלד בעמערקען, אַז דאָס קינד אינטערעסירט זיך מיט'ן געשלעכטליכען פּשוט דערפאַר, וואָס עס וויל וויסען וואָס מעהר וועגען דער ארומיגער נייער וועלט, אין וועלכער עס לעבט. יעדע פרוי, אויך די געוועהנליכסטע, איז פעהיג צו דערצעהלען דעם קינד דעם ערליכען אמת וועגען זיין געבורט. זי דאַרף ניט זיין דערצו אַ מאָדים, ענדיגען אוניווערסיטעטען אָדער האָבען געהערט קורסען פון באָטאַניק, פיזיאָלאָגיע. זי דאַרף נור ניט זיין היפּאָקריטיש, ניט מאַכען זיך פאַר אַ צו שטאַרקע צנועה, זי אַליין דאַרף פיהלען, אַז דער געשלעכטליכער אקט איז עפּעס נאַטירליכעס, אונשולדיגעס און נאָרמאַלעס, אַז דאָס געשלעכטליכע ניט צו לעבען און שענקיים אַלעמען, וואָס לעבט און האָט אין זיך גאָר ניט אונמאָראַלישעס, בעליידיגענדעס. פאַרקעהרט.

דאָס וויכטיגסטע איז, אַז די מוטער זאָל אַזוי ווירקען אויפ'ן קינד, אַז עס זאָל פיהלען, ווי ערליך און וואונדערבאַר און הייליג די געשלעכטליכע פונקציאָן איז. האָט זי דאָס דערגרייכט מעג זי שוין רוהיג ערוואַרטען פון דער שוהלע, אַז זי וועט ווייטער פיהרען איהר אַרבייט.

נאָך מיין מיינונג, דאַרפען די קינדער אין אַלע אונזערע שוהלען בעקענען זיך מיט דעם בוי פון די געשלעכטס־אָרגאַנען און זייערע פונקציאָנען. אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע דאַרפען ווערען לעהרגעגענשטענדען, אָבער געלערענט דאַרפען זיי ווערען אַנדערש ווי ביז איצט, ווייל ביז איצט פלעגט מען דערצעהלען וועגען אַלע אָרגאַנען און פונקציאָנען, אָבער ניט פון די וויכטיגסטע.

דעם קינד דאַרפען מיר דערצעהלען וועגען דעם געשלעכטליכען לעבען פון די חיות, פון פערשיעדענע אָרגאַניזמען, כדי זיי זאָ־

לען זעהן, אַז די זעלבע פּראָצעסען קומען פאָר אין דער גאַנצער נאַטור און ס'איז זיך ניטאָ דעריבער וואָס צו שעמען מיט זיי. דער צוועק פון דער בעקאַנטשאַפט מיט'ן געשלעכטליכען לעבען דאַרף זיין א בעשטימטער. די קינדער דאַרפען ניט בעטראַכטען זייער געבורט פאַר עפּעס א געהיימניס, וואָס ווערט בעהאַלטען פון זיי אָדער א מיאוסקייט, מיט וועלכער זיי האָבען זיך געדאַרפט שעמען. דאָס, וואָס זיי וועלען דעריבער הערען אין שוהלע, דאַרף ניט נור גלאַט בעריייכערען זייערע קענטניסען, נור צוגרייטען זיי דערצו, אַז זיי זאָלען ניט זיין אַזוי אונוויסענד און אונערפאַהרען אין אַלעמען, וואָס האָט א שייכות צו זייער געשלעכטליכער רייפקייט און הייראַטס־פראַגען.

עלטערע אינגלעך און מיידלעך גלויבען שוין ניט בלינד זייערע עלטערען. זיי האָבען שוין זייערע אייגענע אידעען. זיי ווילען וויסען דעם אמת. מיט בבא־מעשיות קען מען זיי ניט אָב'פּטר'ן. זיי וועלען שוין דערגעהן, אַז מען האָט זיי גענאַרט. דאָס בעסטע איז איבערגעבען זיי די פאַקטען, וועלכע די וויסענשאַפט האָט ענטדעקט.

אָפט הער איך, אַז ס'איז ניט גוט צו פיעל רעדען וועגען געשלעכטליכע קראַנקהייטען. די מיידלעך, זאָגט מען, וועלען הערענדיג וועגען די געפאַהרען, מיט וועלכע זיי קענען זיך בעגעגנען אין זייער פערהייראַטען לעבען, מורא האָבען חתונה צו האָבען. זיי וועלען בלייבען אַלטע מוידען, אָבלעבען זייערע יאָהרען איינזאַם, אָהן ליעבע.

די דאָזיגע טענות זיינען נאַרישע. אויב איך וויל, אַז מיר זאָלען דערצעהלען יונגע מיידלעך דעם אמת, איז דאָס דערפאַר, וואָס איך וויל ניט, אַז מיידלעך זאָלען געהן הייראַטען אָדער גלאַט פערבינדען זיך מיט א מאַן בלינדערהייט, ניט וויסענדיג נאַרנישט און ניט איבערטראַכטענדיג וואָס זיי געהען טהון. ס'איז טויזענד מאָל בעסער זיין איינזאַם, אליין, אָבלעבען די יאהרען אָהן ליעבע, איידער זיין געבונדען צו א אויסגעלאַסענעם מאַן און האַלטען אין איין שרעקען זיך פאַר'ן אייגענעם געזונד און נאָך מעהר פאַר'ן געזונד פון די קינדער. ווי אומגליקליך איז די פרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט און קען צוליב די יוגענד־זינד פון איהר מאַן קיין קינדער ניט האָבען, אָבער נאָך שרעקליכער איז האָבען קינדער און ציטערען יעדע מינוט, אַז זיי זאָלען ניט בלייבען כראָניש־קראַנקע אָער שטאַרבען באַלד, ווי זיי ווערען געבוירען.

איך גלויב אין ליעבע. איך בין איבערצייגט, אז אויב מענ־שען האבען זיך ליעב און ווילען לעבען צוזאמען, מעגען זיי רוהיג רעדען וועגען זייער געזונדהייט. רעדען דאך אלע היינטיגע צייטען אזוי פיעל וועגען מעבעל, פערדינסטען, תכלית, טו פארוואס ניט דערמאנען דאס וויכטיגסטע — די קערפערליכע געזונדהייט? אויב דער מאן און פרוי, וואס געהען חתונה האבען, האבען זיך אויף אן אמת ליעב, וועלען זיי ניט וועלען אנשטעקען איינער דעם אנ־דערען מיט עפעס א שווערער קראנקהייט אדער גלאט אונטערגראבען זייער געזונדהייט. זיי וועלען בעשיצען איינער דעם אנדערען, זיי וועלען מיט'ן איינענעם גוטען ווילען פרעגען א ספעציאליסט, צי זיינען זיי בערעכטיגט חתונה צו האבען.

אבער אויסער די געפעהרליכע געשלעכטליכע קראנקהייטען, זיינען פארהאן נאך אנדערע וויכטיגע מאמענטען אינ'ם געשלעכט־ליכען לעבען, וועלכע יעדע מיידעל מוז וויסען.

יעדע מיידעל דארף זיך קענען, זיך פארשטעהן — דאס הייסט קענען איהר ארגאניזם און די איינצעלנע ארגאנען, איינשליסענדיג די געשלעכטליכע. זי דארף האבען א בעגריף וועגען די פערשידענע עפאכען אינ'ם לעבען פון א נארמאלער פרוי. זי דארף וויסען, וואס יעדע עפאכע פאדערט פון איהר, בעזונדערס די מוטערשאפט. זי דארף פערשטעהן, וואס פאר א וויכטיגע ראל דער געשלעכטס־אינ־סטינקט שפילט. דאס אלעס וועל איך פרואווען דערצעהלען אין דעם דאזיגען קליינעם ביכעל אין א איינפאכען, אלעמען פערשטענד־ליכען לשון, ניט וועלענדיג אויף קיינעם ארויפצווינגען מיינע בע־גריפע וועגען מאראל און איבערגעבענדיג פאקטען, נור וויסענשאפט־ליך בעשטעטיגטע פאקטען, מיט וועלכע יעדער קען טהון, וואס ער פערשטעהט.

---

### קאפיטעל 2.

## פיזישע ענטוויקלונג.

מיר וועלען פריהער פון אלץ רעדען וועגען די מיידלישע יאה־רען, ווען דאס געשלעכטליכע הויבט זיך ערשט אן צו לאזען פיהלען. ס'ארא אינטערעסאנטע, געהיימניספולע, בעצויבערענדע צייט דאס איז! מען זאגט, אז דאס אמעריקאנער מיידעל איז צווישען צוועלף

און אכצעהן יאָהר דאָס פערלאָזענסטע מיידעל אין דער וועלט. אפשר איז דאָס טאַקי אַזוי, אָבער פערלאָזען זיינען ניט נור די אמע־ריקאַנער, נור אַלע מיידלעך אין די דאָזיגע קריטישע יאָהרען — ביז די לעצטע צייטען האָבען עלטערען ווייניג וואָס געקימערט זיך ווע־גען זייערע מיידלעך אין די דערמאָנטע יאָהרען. ערשט גאָרניט לאַנג האָבען מיר אָנגעהויבען צו פערשטעהן, וואָס פאַר א ווירקונג אויפ׳ן גאַנצען לעבען די דאָזיגע מיידלישע יאָהרען האָבען.

נעמט איהר א מיידעל צווישען צוועלף און צוויי־און־צוואַנציג יאָהר, אין די יאָהרען פון איהר געשלעכטליכער ענטוויקלונג, בע־מערקט איהר, אַז זי ענדערט זיך שטאַרק. זי ווערט פיזיש ענט־וויקעלט, דאָס געשלעכטליכע, וואָס איז פריהער געווען בעהאַלטען, לאָזט זיך איצט פיהלען. איהר גייסט וואַקסט. זי איז אין א קריטישער צייט. איהר קענט איהר העלפען וואַקסען אָדער שטע־רען איהר. איהר קענט איהר געבען גוטע עצות אָדער שטעהן גלייכ־גילטיג אָן א זייט. געדענקט, אַז דאָס, וואָס דאָס מיידעל לעבט גייסטיג, מאָראַליש און פיזיש איבער אין די דאָזיגע יאָהרען, וועט זיך אָברופען אויפ׳ן גאַנצען לעבען איהרען.

די מוטער דאַרף בעצייטענס זעהן געווינען דאָס פערטרויען פון איהר טאָכטער. זי מוז איהר מיטפיהלען, זיין איהר גוטער פריינד. וויסענדיג, אַז אַן עלטערער פון איהר, איהר מוטער בעשיצט איהר, וועט דאָס מיידעל פיהלען זיך זיכערער, פעסטער, שטאַרקער. זי וועט זיך ווייניגער שרעקען פאַר די ענדערונגען, וואָס קומען אין איהר פאָר. זי וועט האָבען איהר פריינד אין הויז און וועט דע־ריבער זיך ווייניגער צוהערען צו די שלעכטע חבר׳טעס אין גאַס, וואָס וואָלטען געקענט איהר פערדערבען פיזיש און מאָראַליש. זאָל יעדע מוטער זעהן זיין א גוטער מלאך פאַר איהר שוואַכער מיידעל!

ארום צוועלף יאָהר ווערט פלוצלונג דאָס קליינע מיידעלע אַן אַנדער מענש. די קליידער זיינען שוין צו ענג פאַר איהר — זי האָט זיי איבערגעוואַקסען. איהרע פיס און הענד ווערען גרעסער, איהרע ברוסטען האָבען שוין א פאָרם. דאָס געשלעכט הויבט זיך אָן שוין צו פיהלען. ניטאָ שוין דאָס אַמאָליגע קליינע מיידעלע, אַן אַנדערע שטעהט פאַר אונזער פערוואונדערט אויג.

ניט נור פיזיש האָט זיך ענטוויקעלט שטאַרק דאָס קליין קינד, אויך איהרע גייסטיגע אינטערעסען און מאָראַלישע אינסטינקטען וואַקסען אַזוי שנעל, אַז אונז ווערט שווער צו דערקענען דאָס דאָ־

זיגע ליעבע, יונגע, בליהענדע בעשעפעניש, וואס איז שוין ניט מעהר קיין קינד און נאך ניט קיין ערוואקסענע פרוי.

אמאליגע צייטען האט א מיידעל געדארפט זיין דעליקאט, שוואכליך, צוהוסטען אביסעל, האבען שוואך ענטוויקעלטע ברוס־טען, א קליינעם אפעטיט. אזא מיידעל איז געווען דאס אידעאלע מיידעל. די צייטען זיינען שוין פערשוואונדען. איצט פערשטעהען מיר, אז א מיידעל דארף זיין פיזיש שטארק און געזונד און ענערגיש. דאס היינטיגע מיידעל וויל ניט, ווי אין אמאליגע צייטען, זיצען גאנצע טעג אין שטוב, נייהען, שפיעלען מיט פופען. די מוטערס פאדערען דאס שוין ניט פון זיי. צום גליק פערשטעהען מיר, אז פאר דער מיידעל איז אזוי גוט צו זיין אויף דער פרייער לופט, ווי פאר'ן אינגעל. אונז ארט שוין ניט, וואס זי לערנט זיך שווימען, רייטען, באל שפיעלען, שיסען. מיר האבען הנאה פון איהר פלינ־קייט און אקטיוויטעט. זי דארף ניט אבשטעהן פונ'ם אינגעל און זי שטעהט פון איהם טאקי ניט אב. גליקליך זיינען די מיידלעך וואס זיינען געבארען היינטיגע צייטען און קענען רוהיג טראכטען וועגען דער ענטוויקלונג פון זייער קערפער. אמאל איז דאס געווען א שאנדע.

דאס מיידעל דארף זעהר אין זין האבען איהר געזונדהייט. היט זי עס ניט, ווערט זי שוואכער. בעזונדערס מוז זי פארזיכטיג זיין אין די איבערגאנגס־יאהרען, ווען זי געהט איבער פון קינדהייט צו ווייבליכקייט.

די ערשטע און וויכטיגסטע ענדערונג אינ'ם מיידעל אין די יאהרען איז דאס, וואס זי ווערט העכער אין וואוקס. אנהויבען הויבט זיך דאס אינ'ם דרייצעהנטען יאהר און ענדיגט זיך ארום דעם פופצעהנטען. פארהאן מיידלעך, וואס הויבען אן צו וואקסען פריהער און האלטען אין וואקסען נאך א פאר יאהר נאכ'ן פופ־צעהנטען, אבער דאס זיינען אויסנאהמען. געוועהנליך בעמערקט מען ניט קיין וועיטערען וואוקס נאכ'ן פופצעהנטען יאהר.

אין די דערמאנטע יאהרען זיינען די ביינער ווייך און האלטען ניט אויס קיין דרוק און דעריבער איז בעזונדערס געפעהרליך דא־מאלס צו טראגען קארסעטען. דער קארסעט דריקט די ריפען און דאס לאזט ניט ענטוויקלען זיך די לונגען און קען פיהרען צו טור־בערקולאזיס. קארסעטען דארף מען טראגען ניט פריהער פונ'ם איין־און־צוואנציגסטען יאהר און אויך דאמאלס זעהר לויז. דאס פעסטע איינשנורעווען זיך איז שעדליכער אין די יונגערע יאהרען,

ווי אין אַ פּאָר יאָהר שפּעטער. ספּעציאַליסטען, וואָס האָבען זיך פערנומען מיט דער פראַגע, וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס קאָרסעט־טראָגען האָט, בעהויפּטען, אַז עס ווירקט צום שלעכטען אין אויפ׳ן ברוסט־קאַסטען, אַז עס שטערט דער ענטוויקלונג פון די געשלעכטליכע אָרגאַנען און די רעזולטאַטען זיינען געוועהנליך פערשידענע פונקציאָנעלע קראַנקהייטען, פּיינליכע און אונרעגעלמעסיגע מאָנאַטליכע מענסטרואַציאָנען, וואָס נעמען זיך פון דער שוואַכער ענטוויקלונג פונ׳ם יוגענדליכען אָרגאַניזם.

יעדע מיידעל לאַכט פון די כינעזישע ווייבער, וואָס שנורען איין זייערע פיס און אַליין טהוט זי דאָסזעלבע. דאָס, וואָס זי טהוט איז נאָך ערגער. זי לאָזט ניט וואַקסען, ענטוויקלען זיך וויכטיגע טיילען פון אָרגאַניזם, ווי דער ברוסט־קאַסטען און טיילען פונ׳ם בויך. ווי עלים בעווייזט, פערקריפּעלען די כעניזעשע ווייבער זייערע פיס, האָבענדיג אין זין דאָסזעלבע, וואָס די אייראָפּעאישע האָבען אין זין פערקריפּעלענדיג זייער געשטאַלט — זיי ווילען געפעלען מענער. אַזוי איז שוין ביי די כינעזער, אַז די פיס פון זייערע ווייבער האָבען פאַר זיי אַ גרעסערען אינטערעס, ווי זייער געזיכט. קיין אַנשטענדיגער, גוט־ערצויגענער כינעזער וועט אין גאַס ניט פערגינען זיך אַ קוק טהון אויפ׳ן פוס פון אַ כינעזישער פרוי, דאָס איז זעהר ניט דעליקאַט. אָבער אונזערע מענער קוקען זיך איין און גאַנץ שטאַרק אויף די פונ׳ם קאָרסעט איינגעענגטע פאָרמען.

יעדע מיידעל דאַרף זיך גוט פערטראַכטען וועגען דער קאָרסעט פראַגע, אויב זי האַלט טייער איהר געזונד.

ווי נור דאָס מיידעל הויבט אָן שנעל צו וואַקסען, ווערט איהר אָפט שווער צו געהן גלייך, איהרע אַקסלען ווערען איינגעבויגען, דעם קאָפּ און האַלז שטעקט זי אַרויס אין אַ זעהר ניט־גראַציעזער מאַניר. זאָגט עמיצער איהר וועגען דעם, אָדער זי אַליין בעמערקט עס, זעהט זי ניט עפּעס צו טהון דאַגעגען, נור ווערט פערשעמט, צוטומעלט. זי געוואויינט זיך צו גאָר אונגעלומפּערטע בעוועגונגען. איהר דוכט זיך, אַז איהרע אָרעמס זיינען געוואָרען שרעקליך לאַנג, איהרע הענד, פיס ווערען איהר צו לאַסט, איהר ווילט זיך בעהאַלטען די הענד פון הינטען, פערלעגען די אָרעמס, איינבויגען די קניה, אַז דער קערפּער זאָל ניט אויסזעהן אַזוי לאַנג, איהר ווילט זיך אַנשפּאַרען אָן עפּעס.

א שלעכטע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פונ'ם ארגאניזם האט די מאנאטאנקייט פון דער ארבייט אין די פאבריקען. טאג איין, טאג אויס קומט אויס די מיידלעך צו טהון די זעלבע ארבייט, און דאס ווירקט שלעכט אויפ'ן ארגאניזם. שטעהען טויזענדער קליינע מיידלעך גאנצע טעג אין די בוימוואל פאבריקען און דער גאנצער קערפער איז אין א אוננאטירליכער לאגע, און דער רעזולטאט איז אן אויסגעבויגענקייט פונ'ם רוקענביין. וויפיעל מיידלעך, וואס האבען געדארפט שפילען זיך אין גאס און ארומלויפען וויפיעל זייער הארץ גלוסט, זיצען איינגעבויגען איבער'ן געגעה פון דער פריה ביז נאכט פון יאהר צו יאהר — זיי ווערען דערפאר בעלוינט מיט אן אויסגעבויגענקייט פון דער רעכטער זייט. יעדער פערשטעהט, אז זיצען איין פוס פערוווארפען אויפ'ן אנדערען, ווי בשעת נעהען אדער הויבען און שלעפען פעקלעך, שווערע זאכען און קליינע שוועסטערלעך און ברידערלעך, ווי עס טהוען די שלעכט-גענעהרטע, ארימע ארבייטער-מיידלעך — איז ניט זעהר געזונד. און ווער עס דערמאנט זיך, אין וועלכע בעדינגונגען עס לעבען די מיידלעך פון די ארימערע קלאסען, וועט זיך זיכער ניט וואונדערען, וואס אזוי אפט קומט אויס צווישען זיי צו בעגעגענען אויסגעבויגענע, אויסגעדרעהטע, מיט אוננארמאל-געבויטע רוקענס. וואס קען מען טהון דאגעגען ? פערשידענעס. זעהט ארומגעהן וואס מעהר, לויפען, טאנצען, מיט איינעם ווארט — בעוועגען זיך אויף דער פרייער לופט. לויפענדיג, שפילענדיג, מאכענדיג גימנאסטישע איבונגען קענט איהר פערהיטען אז איהר זאלט ניט האבען קיין אויסגעקרומטען רוקען און האט איהר איהם שוין, איז דאס בעסטע פרעגען א ספעציאליסט און טהון אלץ וואס ער הייסט.

וויכטיג זיינען נאך אין די פון אונז בעטראכטע יוגענד-יאהרען די ענדערונגען פונ'ם הארץ און פון דער בלוט-צירקולאציאן. דאס הארץ וואקסט שנעלער אין די דאזיגע יאהרען ווי די בלוט געפעסען און דעריבער איז אין זיי שטענדיג צופיעל בלוט, וועלכעס צירקולירט ניט רעגעלמעסיג איבער'ן ארגאניזם. די אויסערליכע סימנים פון דער אונרעגעלמעסיגער בלוט-צירקולאציאן זיינען פערשיעדענע : דער קאפ טהוט וועה, פון דער נאז געהט בלוט, די פיס און הענד זיינען קאלט, דאס מיידעל ווערט רויט ביי דער קלענסטער געלעגענהייט, ליידט פון בלוטלאזיגקייט, האט ניט קיין אפעטיט אדער א זעהר אוננארמאלען : אט ווילט זיך איהר אייזקריעם און אט גיט איהר זויערעס : אינ'ם פאל, אז די מיידעל

ליידט פון אזעלכע סימפטאָמען, דאַרפט איהר דאָס ניט פערלאָזען. בעזונדערס ווען דאָס מיידעל געהט נאָך אין שוהל אָדער האָט אַר־בייט אין א פאַבריק אָדער קאַנטאָר, וואָס מאַכט איהר שנעל מיד און שטרענגט איהר זעהר שטאַרק אָן. אזא שוואַכער, נערוועזער מיידעל דאַרף מען געבען גוט צו עסען. זי מוז וואָס עפטער זיין אויף דער לופט. אָפט וועט אייזען האָבען א גוטע ווירקונג אויף איהר.

אָפט בעווייזען זיך אויפ'ן מיידעל'ס געזיכט פלעקען, שפּרענק־לעך, דאָס מיידעל האָט דערפון גרויסע צרות. זי האָט שוין אָנגע־הויבען צוקוקען זיך צו זיך, וויל זיין וואָס ריינער, וואָס גראַציע־זער, וואָס שענער און דאָ אזא צרה. זי נעמט זיך דאָס שטאַרק צום הארצען, שמירט זיך דאָס פּנים, לויפט אין אפּטעק נאָך מיט־לען און עס העלפט ניט. אָפט בלייבען נאָך פון די אלע מיטלען מיאוסע שפּורען אויפ'ן פּנים. אָבער אין אמת'ען דאַרף זיך דאָס מיידעל גאָרניט אזוי שרעקען פאַר די פלעקען און שפּרענקלען. דאָס איז נור א סימפּטאָם פון איהר רייפקייט. זי דאַרף קיין מיט־לען ניט, און ניט מעדיצינישע און ניט קאָסמעטישע. זאָל זי נאָר האַלטען ריין איהר הויט און האָבען א נאָרמאַלען מאָגען און פון זיך וועלען די אלע אונאנגענעהמע סימפּטאָמען פערשווינדען.

פיעל צו טהון האָט דאָס וואַקסענדע מיידעל מיט איהרע נער־ווען. זיי האָבען זיך נאָך ניט איינגעשטעלט. דאָס נערוועז־סיס־טעם פאַסט זיך ביסלעכווייז צו צו די בעדערפנישען פון דעם אָר־גאַניזם. ניטאָ נאָך קיין גלייכגעוויכט. דערפון נעמען זיך פער־שידענע נערוועזע קראַנקהייטען אין די יאָהרען. פּלוצלונג ווערט דאָס מיידעל אונרוהיג, קען ניט שלאָפען אָדער זי הויבט אָן צו שטאַמלען אָדער מאַכען גרימאַסען. דאָס זיינען אלץ סימנים פון עפּעס אן אונאָרדנונג אינ'ם אָרגאַניזם. זיי קענען פון זיך אליין פערשווינדען, אָבער אָפט מוז מען אויף זיי שטאַרק אכטונג געבען און עפּעס טהון, אניט קען דאָס מיידעל בלייבען קראַנק דאָס גאַנ־צע לעבען. מיט איינעם וואָרט, דאָס מיידעל, וואָס האַלט אין וואַקסען, טאָר מען ניט לאָזען לויפען, איבערלאָזענדיג אלעס צו דער נאַטירליכער ענטוויקלונג. דאָס קען ווערען געפעהרליך. מען דאַרף איהר שטענדיג היטען און אין זין האָבען.

## קאפיטעל 3.

# גייסטיגע ענטוויקלונג.

שארפער ווערען אין דער וואקסענדער מיידעל די חושים. דער חוש הריח ווערט ביי איהר בעזונדערס עמפפינדליך. זי האט גרויס הנאה פון אנגענעהמע גערוכען און קען ניט פערטראגען קיין אונאנגענעהמע. דאס מיידעל הויבט אן צו בענוצען זיך מיט פאר־פומען און צום בעדויערען! אפט מיט גאנץ שעדליכע.

עס ענטוויקעלט זיך אויך דער פארבען־זין. נאך נעכטען האט דאס מיידעל ערלויבט עלטערען אויסצוקלייבען פאר איהר קליידער און פארבען, איצט וויל זי דאס טהון אליין. איהר איז שוין ניט אלץ איינס, ווי זי וועט זיך אנטהון. זי וויל האבען ארום זיך און אויף זיך פארבען, וואס געפעלען איהר. דאס מיידעל ווערט פאעטישער. זי פערקוקט זיך אויף זונען־פערגאנגען, וועלדער, בערג און בלומען. זי האט זיי ערשט איצט דערזעהן. די גאנצע נאטור בעקומט אן אנדער פנים אין איהרע אויגען. אפט דערפיהלט דאס מיידעל אין די ענטוויקלונגס יאהרען, אז זי האט אן ארטיסטישען טאלענט: זי בעשליסט ווערען א מאלערין, א מוזיקערין, אן אקטריסע.

דאס מיידעל וויל זיין שעהן געקליידט, אויסזעהן שעהן. זי צירט זיך; זי האט שוין א עסטעטישען געשמאק. שעה'ווייז שטעהט זי ארום די וויטרינען פון די גרויסע געשעפטען, קוקט זיך איין ליידענשאפטליך. שפיצען, בענדער, צירונג, פאסאנען פער־נעמען איהר אויג, רייצען איהר, זי וויל האבען וואס מעהר פארביגע קלייניגקייטען, ארנאמענטען. אנדערע זיינען גרייט צו אלץ, אבי צו קריגען די קלייניגקייטען, וואס פרעהען דאס אויג. אנדערע שרעקען זיך ניט אב אפילו פאר קליינער גניבה; אנדערע וועלען פאר א זיידען אונטערקליידעל, פאר א רינגעל פערקויפען זייער לייב. דאס, וואס מיידלעך האבען אזוי ליעב אלעס גלענצענדע, פארביגע, ארנאמענטאלע, איז זעהר נאטירליך, אבער ווי אוננא־טירליך איז די געזעלשאפט, וואס דערלאזט, אז איהרע פרויען זאלען מוזען פערקויפען זיך, וועלענדיג בעפרידיגען אזעלכע נא־טירליכע בעדערפענישען. האט דאס פלייש און דאס בלוט און די נשמה פון אונזערע צוקונפטיגע מוטערס אזא קליינעם ווערט אין אונזערע שטאאטען, אז עס ווערט געאפפערט אזוי שרעקליך און

אונמענשליך ? דאָס וואַקסענדע מיידעל וויל זיך פּוצען, אויס־פּוצען, שעהן זיין. דאָס ליגט אין איהר בלוט, אין איהר נאַטור. איהר קענט ניט טויטען אין איהר דאָס דאָזיגע בעדערפעניש. עס וועט ניט העלפען. זי מוז זיך פּוצען. זי וועט זיך פּוצען. און איז דאָס אזא אומגליק ? דאָס מיידעל פון די רייכערע קלאַסען טהוט זיך אָן די טייערסטע קליידער, פערשווענדט טויזענדער אויף גאָלדוואַרג און אונגעוועגליכע געוועבען. אַלע ווענדען זייערע אויגען צו איהר. אַלע בעוואונדערען זי : זי האָט אזא געשמאַק, זי איז אזוי בעצויבערענד. אָבער זאָל עפּעס עהנליכעס אין איהר גראַד טהון אַן ארבייטער־מיידעל, ווערט אַ געוואַלד. זי טאָר ניט. דאָס איז אַ געפאהר פאַר איהר, פאַר דער גזעלשאַפט. דאָס רייכע מיידעל, הייסט עס, בעפרידיגט נאָר איהר בעדערפעניש אין שעהנעם, אָבער וויל דאָס אָרימע מיידעל זיין שעהן, איז דאָס אַ פערברעכען, מיאוס׳ער לוקסוס, שרעקליכע פערשווענדעריי, וואָס רואינרט דאָס מיידעל. די רייכע פרויען האָבען איין מאָראַל פאַר זיך און זייער קלאַס און גאָר אַן אַנדערע מאָראַל פאַר פרויען פונ׳ם ארבייטער קלאַס. מען קען מיינען, אַז דאָס זיינען גאָר ניט דיזעלבע מענשענקינדער. עס איז שוין צייט, אַז די אַלע סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרס זאָלען אויפהערען פעריכטען דאָס צופּוילטע געוואַנד פון אונזער אומגערעכטער געזעלשאַפט און זאָלען אַ טראַכט טהון וועגען דער פונדאַמענטאַלער אומגערעכטיגקייט איהרער.

דאָס מיידעל, וואָס וואַקסט, האָט ליעב צו טאַנצען, זינגען, לאַכען, מוזיצירען. זי דורשט נאָך שעהנהייט. זי האָט אַ נאַטירליכען חשק צו צירען איהר ליב — אַ חשק, וועלכער איז אירבערגעגאַנגען צו איהר פון דער פּרימיטיווער פרוי נאָך. זי האָט ליעב אַלעס ראָמאַנטישע, אונגעוועהנליכע. זי איז אַליין ראָמאַנטיש. דאָס אַלץ כאַראַקטעריזירט דאָס מיידעל, וואָס ווערט אַלץ רייפער פּסיכאָלאָגיש, פיזיש און געשלעכטליך. די שטריכען פערשווינדען אמאָל אַלע אָדער אייניגע מיט דער צייט און ביי אַנדערע בלייבען זיי אויף שפּעטער. דער מיידעל׳ס פאַנטאַזיע הויבט אָן צו ארבייטען ; זי שטעלט זיך פאָר אזוינס, וואָס איז קיינמאָל ניט געשעהן, דערצעהלט אייך וועגען זיך פאַנטאַסטישע זאַכען, זעהט און הערט דאָס, וואָס אַנדערע זעהען און הערען ניט. דאָס הייסט ניט, אַז זי זאָגט ליגענס, אַז זי איז אַ ליגנערין. מיט דער צייט וועט זיך איהר פערשטאַנד און ווילען ענטוויקלען און זי וועט זיך בעפרייען פון די פאַלשע פאָרשטעלונגען און בילדער. נור ניט בע־

שולדיגט איהר, ניט האפט איהר אין ליגענס, ניט רעדט איהר צו פיעל אוים: איהר קענט איהר בעליידיגען און דערגרייכען גראד דאס ענטגעגענגעזעצטע פון דעם, וואס איהר ווילט.

דער מיידעל'ס שטימע בייט זיך אויך, אבער ניט אזוי שטארק, ווי ביי א אינגעל. ביסלעכווייז ווערט איהר שטימע ווייכער, פולער, בעקומט א מעהר פרויענהאפטען טעמבר.

דאס וואקסענדע מיידעל הערט שארפער. די קלאנגען, וועלכע זי האט מיט עטליכע חדשים צוריק גארניט בעמערקט, הויבען איהר איצט אן אויפצורעגען. זי קען ניט ליידען, וואס דער פאטער שנייצט אזוי הילכיג די נאז. זי ווערט נערוועז פון דער מוטער'ס הויכע געשרייען. זי האט שוין איצט אן אויער פאר מוזיק. זי האט ליעב הערען שפילען, פרואווט אליין שפילען, זי זינגט. דאס איז עפעס נייעס אי פאר איהר, אי פאר די ארומיגע. זי איז פלוצלונג געווארען מוזיקאליש.

עלטערען און לעהרער, וואס פערשטעהען ניט, ווי נאטירליך די אלע ענדערונגען זיינען אינ'ם מיידעל זיינען אין כעס אויף איהר, ווערען אונגעדולדיג, שרייען, אז דאס מיידעל קאקעטירט, איז געקינצעלט, מאכט זיך נאריש, וועהרענד אין אמת'ען איז דעם מיידעל'ס געקינצעלטקייט, מוזיקאלישקייט, ראמאנטישקייט, צוטומעלטקייט, אונגעוועהנליכקייט א טייל פון איהרער נארמאלער ענטוויקלונג און קען אויסגענוצט ווערען אי צום גוטען, אי צום בעזען.

דאס מיידעל הויבט אן צו טראכטען ניט נור וועגען זיך מעהר, נור אויך וועגען דעם ארומיגען. זי דעקארירט איהר שלאפצימער, אינטערעסירט זיך מיט איהרע טואלעטען, זאכען, וויל האבען פיינע פארהענגלעך, העל־געפארבטע בעט־דעקען, זי ווערט אונאבהענגיגער. פריהער איז זי געוועזן אין א צימער, איצט וויל זי האבען א י ה ר צימער, לויט איהר געשמאק. זי האט שוין געשמאק, זי ווערט שוין עפעס א פערזענליכקייט.

דער מיידעל'ס גייסט הויבט זיך אן צו פארמירען, אבער ער איז נאך ניט קיין פעסטע, אויסגעפארמירטע זאך. דאס זיינען געפעהרליכע יאהרען. דאס מיידעל ווערט לייכט היסטעריש. זי קען לייכט פערלירען דאס גייסטיגע גלייכגעוויכט, די געפאהר איז אלץ קלענער, וואס מעהר מיר גיבען זיך אב מיט דער מיידעל אין די דאזיגע געפעהרליכע יאהרען פון איהר ענטוויקלונג.

דאס מיידעל ווערט געפיהלפול. פערשיעדענע געפיהלען ווערען געבארען אין איהר הארץ. איינע פון די שטארקסטע געפיה־

לען, וואָס כאַפּט איהר אַרום, איז דאָס רעליגיעזע. קיין איין מיידעל געהט ניט אַריבער פון קינדהייט אין די עלטערע יאָהרען אָהן אַ רעליגיעזער ערוואַכונג. זי הויבט אָן צו גלויבען אין עפּעס איבערמענשליכעס. איינינגע פאָרשער האָבען בעמערקט, אַז פון הונדערט פרויען, וואָס געהען איבער פון איין סעקטע, אָדער רעליגיאָן, אין אַן אַנדערער, זיינען אַכציג ניט עלטער פון צוואַנציג יאָהר; ביי יענע, וואָס זיינען אַלט פון 30 ביז 40 יאָהר טרעפט זיך דאָס זעהר זעלטען. איינע אָדער צוויי פון הונדערט בייטען, אין די יאָהרען, זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען. אַלע וויסען אויך, אַז מיידלעך האָבען מעהר פון אינגלעך ליעב צו געהן אין קירכע. אַנדערע מיידלעך נעמען אויף זיך אַ נדר צו זיין גוט, טהון גוטס, פּייניגען זיך, פאַסטען; זיי זאָגען זיך אָב פון תענוגים. אַנדערע זיצען גאַנצע שעה'ן און בעטען צו גאָט, קוקען ניט אויף זייער געזונד און פערנאַכלעסיגען אפילו זייערע שול־אַרבייטען. און דאָס איז גאַנץ נאַטירליך. רעליגיאָן און קירכע האָבען אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף דער וואַקסענדער מיידעל, ווייל דער פערשטאַנד איהרער איז נאָך בויגיג, עמפּפינדליך. קיינמאָל אין איהר לעבען מעהר וועט זי ניט זיין אַזוי עמפּפינדליך, ווייך, ווי אין די יאָהרען. אויב דאָס מיידעל, וואָס געהט אין קלויסטער אַוועק צו אַכצעהן יאָהר, וואָלט זיך ניט געאיילט און געוואַרט, ביז זי וועט ווערען אַלט צוויי־און־צוואַנציג יאָר, וואָלט זי געוויס קיין נאָנע ניט געוואָרען.

דאָס וואַקסענדע מיידעל הויבט אָן צו פיהלען ליעבע, ווערט צוגעבונדען צו אַנדערע מענשען. אינגלעך האָבען אויך אַזעלכע געפיהלען. דאָס דערוועקט זיך אין זיי דאָס געזעלשאַפטליכע. אינגלעך בילדען קלובען, גרופּען, „גענגס“, זיי האָבען אַ פיהרער, פאָלגען איהם, בעוואונדערען איהם, אָבער ביי מיידלעך איז דאָס אַנדערש, איינפאַכער. די מיידעל ווערט שטאַרק צוגעבונדען צו אַ חבר'טע פון איהר עלטער, איהר ליעבע איז אַ טיעף און שטאַרק געפיהל. זי דערצעהלט אַלע איהרע געהיימניסען דער חבר'טע, טיילט זיך מיט איהר מיט אַלע איהרע מתנות, נעמט איהר מיט זיך מיט געהענדיג צו גאַסט, איז מיט איהר שטענדיג צוזאַמען.

דאָס וואַקסענדע מיידעל ווערט אָפט צוגעבונדען צו אַן עלטערער פרוי, צו דער לעהרערין אָדער אַ שכנה. עלטערען זיינען אָפט דערמיט ניט צופרידען. זיי זיינען גערעכט. פאַראַן פערשיעדענע מענשען און אַן עלטערע פרוי קען האָבען די בעסטע ווירקונג אויפ'ן מיידעל, אָבער זי קען איהר אויך פערדערבען.

אָבער אויסער אַלע נייע אינטערעסען אין די אַרומיגע מענשען און זאכען, האָט דאָס וואַקסענדע מיידעל דאָך דעם גרעסטען אינ־טערעס צו זיך. זי האָט שוין אַ זעלבסט־בעוואוסטזיין. זי האָט אַמביציאָן, זי וויל גרויס ווערען, אַ נאָמען בעקומען, בעריהמט ווע־רען; זי וויל איינגעמען די וועלט. זי איז איבערצייגט, אַז זי וועט זיין אַ גרויסע זינגערין, אָדער טענצערין, אָדער, אפשר, אַן אַקטריסע. זי וועט זיכער אָנשרייבען — טראַכט זי זיך — אַ וואונדערבאַרען ראָמאַן — וועגען זיך אַליין, אָדער אַמוועניגסטען וועט זי זיין אַ העלדין פון אַ ראָמאַן אין לעבען. זי וועט קאָמפּאָ־נירען אַ אונגעוועהנליכע אָפּערא אָדער טראַגעדיע, אָדער זי וועט זיין אַ בארמהערציגע שוועסטער, אַרומגעהן אויפ'ן שלאַכטפעלד אַרום קראַנקע און שטאַרבענדיגע. טויזענדער פאַנטאַזיען און פער־לאַנגען דרעהען זיך אַרום אין דער מיידעל'ס נשמה. דאָס, וואָס זי לעזט, האָט זי אָנגענומען פאַר אַ ווירקליכקייט. זי וויל זיין, ווי יענע אין ראָמאַן. דאָס, וואָס זי לעזט, קען האָבען אויף איהר די בעסטע ווירקונג, אָבער אויך שעדליך זיין. דאָס ביכעל איז איהר גוטער פריינד, חבר און לעהרער. זעהט, אַז זי זאָל האַלטען אין האַנד אַ גוט ביכעל!

דאָס מיידעל איז זעלבסט־בעוואוסט. זי ווייס שוין וועגען זיך, אָבער זי איז ניט זיכער מיט זיך. דעריבער איז זי צו עמפּ־פינדליך, בעזונדערס ווען איהר רעדט מיט איהר וועגען עפּעס, וואָס האָט צו טהון מיט געשלעכט. איהר פרעגט וועגען מאָנאַטליכען. — ווערט זי רויט און אַנטלויפט. זי וויל ניט הערען וועגען דעם. זי איז בעליידיגט, אין כעס אויף אייך, וואָס איהר ריהרט אָן אַזעל־כע פראַגען. וואונדערט זיך די מוטער, וואָס עפּעס שווייגט איהר טעכטעריל, פאַרוואָס זי פרעגט איהר ניט און וויל ניט די מוטער זאָל איהר פרעגען וועגען די דאָזיגע וויכטיגע זאכען. די ערקלערונג איז אָפט אַן איינפאַכע. דאָס מיידעל האָט זיך פערטרויט אַן אַנדערער — יענע האָט איהר אַלץ ערקלערט. דאָס פערטרויען, וואָס די מוטער האָט געדאַרפט זיך ערווערבען מיט יאָהרען צוריק, האָט זי זיך ניט ערוואָרבען, זי איז איהר אַ פרעמדע. זי וויל ניט טיילען זיך מיט דער מוטער מיט איהר אונגעוועהנליכער ערפאַהרונג, זי געהט צו איהר פריינדין, אַן עלטערער מיידעל, וואָס ווייס אַלץ. און דאָס דאָזיגע מיידעל, וואָס דערצעהלט איהר אויס אַלע סודות פון געשלעכט, ווערט מיט אַמאָל איהר שרעקליך נאָהענט און טייער. יענע קען טהון מיט איהר וואָס זי וויל. דאָס מיידעל דערגעהט ביי

איהר בעהאלטענע זאכען, נעמט זיך אן מיט איהרע בעגריפען און אידעאלען. גוט איז דער מיידעל, וואס האט געהאט א גוטען, עהר־ליכען פריינד!

נייע עמאציאנען, נייע געפיהלען פערפלייצען דאס שטילע לע־בען פון דעם קליינעם מיידעל; אין די דאזיגע געפיהלען ענט־פלעקט זיך דאס געהיימניספולע געשלעכט. וואס ווייטער, אלץ מעהר פיהלט זיך דאס געשלעכט און פאדערט זיינס. א נייע, טיפער געפיהל — דאס טיפסטע אין אלע — דערפיהלט דאס וואקסענדע מיידעל. דאס אינגעל, מיט וועלכען זי האט זיך געשפילט די לעצ־טע יאהרען, ארומגעלאפען מיט איהם, געראנגעלט זיך, קוקט איהר עפעס אונגעוועהנליך אין די אויגען אריין — עפעס איז געשעהן. ער גיט איהר אמאל א ריס די האר, א קניפ אין באק, און דער־ביי קוקט ער אזוי צערטליך, ער בענקט און א נייער אינסטינקט וואכט אויף אין איהר הארץ, דער מעכטיגסטער, דער שטארקסטער אינסטינקט — דער געשלעכטליכער אינסטינקט. אויף דעם הארי־זאנט פון דעם רוהיגען מיידלישען לעבען האט זיך בעוויזען דער מאן; איהם ציהט צו איהר און איהר צו איהם. זי פערליעבט זיך. אמת, ניט אויף לאנג. אלע פארשער פון דער קינדהייט־ליעבעס פון אינגלעך און מיידלעך זאגען, אז די דאזיגע ליעבעס פערגעהען זעהר שנעל. פון הונדערט מיטעל־שול־מיידלעך, וועלכע מען האט אויסגעפרעגט וועגען דעם, האבען נור צוויי מיידלעך חתונה געהאט זייענדיג נאך אין שול און איינע פון זיי האט זיך טאקי גאר אינגיכען גע'גט מיט'ן מאן. דאס בעווייזט, אז דער בחור, מיט וועלכען דאס מיידעל פון אכצעהן יאהר וויל אנטלויפען אהנ'ם וויסען פון איהרע עלטערען, ווערט שפעטער מיט עטליכע יאהר אין גאנצען פערגעסען. מיידלעך דארפען זיין פארזיכטיג, ניט נעמען צו ערנסט יעדען קאפריז זייערען און יעדע פאנטאזיע. הא־בענדיג חתונה ווען זיי זיינען אלט נייצעהן אדער צוואנציג יאהר, זיינען מייסטענטיילס אונזערע מיידלעך גארניט צוגעגרייט צו אזא וויכטיגען שריט. זיי ווייסען ניט, וואס געשלעכט איז און פאלען אפט אריין. די נאטור האט זיי שוין געווארענט, אבער זיי הערען ניט די שטימע פון דער נאטור פשוט דערפאר, וואס מען האט זיי ניט געלערענט צו פערשטעהן דאס נאטירליכע.

## קאַפּיטעל 4.

# אנאַטאָמישעם.

איצט וועלען מיר רעדען וועגען די יאהרען פון פובערטעט, ד. ה. יענע יאהרען ווען דאָס מיידעל אדער אינגעל ווערט פעהיג צום געשלעכטליכען לעבען. פערשידענע שרייבער געברויכען דאָס וואָרט אין פערשידענע זינען — אנעדער מיינען דערמיט אַלע יענע יאָהרען, אין וועלכע דער מאַן אדער פרוי האָבען נאָך קראפט צו לעבען געשלעכטליך און האָבען קינדער, וואָס דאָס זיינען געוועגליך די יאָהרען צווישען פערצעהן און פינף־און־פערציג. אַנדערע פערשטעהען פובערטעט אנדערש. מיר בעצייכענען דערמיט די יאהרען, ווען דאָס מיידעל אָדער אינגעל ווערט געשלעכטליך רייף און אז ס'איז אזוי בעווייזט דאָס מאַנאטליכע ביי מיידלעך און דער ספּערמען־אויסגוס ביי'ם אינגעל.

ביי די ווילדע פעלקער איז דער מאָמענט פון געשלעכטליכער רייפקייט א גאנץ געשעהעניש. דאָס ווערט געפייערט מיט טענץ און שפּיל, עס איז א הייליגער מאָמענט אינ'ם לעבען פון דעם אונרייפען, וואָס איז געוואָרען איצט ווי אַלע. אנדערע שבטים זיינען מל זייערע קינדער, אנדערע טהוען זיי אָן פערשידענע יסורים און פּיינען, כדי אויסצופּרואווען דעם אינגעל'ס מוטיגקייט און ווידערשטאַנדסקראפט. דאָס מיידעל ווערט אויך אונטערוואָרפען פערשידענע פּיינפולע צערעמאָניען און זאָל זי נור א געשריי טהון אָדער אויף אן אנדערען וועג געבען צו פיהלען, אז זי האָט מורא און קען ניט פערטראָגען די יסורים, ווערט דאָס בעטראכט פאר א שאַנדע און דאָס מיידעל ווערט ארויסגעטריבען פונ'ם שבט. עלים דערצעהלט וועגען די אינדיאַנער פונ'ם יומא שבט אין קאַליפאָרניא, אז ביי זיי איז מען זיך אזוי נוהג: ווי נור זיי דערזעהען די ערשטע שפּורען פון מענסטרואַציאָן, וויקעלט מען דאָס מיידעל איין אין ליילעכער און מען לעגט זי אריין אין א ווארימען גרובען. פיער טעג ליגט זי דאָרט; די אַלטע פרויען פונ'ם שבט טאַנצען ארום איהר און האלטען אין איין זינגען: זיי שענקען מטבעות, ווייץ, געוואַנד כדי די מיידלעך זאָלען זיך געוואוינען צו גרויסמוטיגקייט און פערשיטען די מיידלעך מיט ווילדע זאָמען זיי זאָלען האָבען אין צוקונפט א ברייטע האַנד.

אזעלכע און ענליכע צערעמאָניען פראוועז כמעט אלע ווילדע פעלקער, אין דערזעלבער צייט דערצעהלען זיי די קינדער פון די פליכטען פון פערהייראטען לעבען, פון געשלעכטליכע בעציהונגען. זיי זיינען דערביי גאנץ אָפענהערציג, בעהאלטען גאָר ניט און דאָך זיינען די אלע ווילדע פרויען זעהר עהרליך און טוגענדהאפט. פרעגט זיך צו וואס דערצעהל איך דאס? וואס האבען די ווילדע פעלקער צו טהון מיט דעם, וואס יעדע מיידעל דארף וויסען? גאָר-ניט און זעהר פיעל. אונז איז וויכטיג צו וויסען, אז ווילדע פעלקער האבען מיט טויזענדער יאהרען צוריק שוין פערשטאנען, ווי נויטיג עס איז צו דערצעהלען דעם אמת וועגען געשלעכט די קינדער און אונזער ציוויליזאציאָן איז נאָך אלץ היפאָקריטיש און האט מורא פאר'ן אמת.

רעדענדיג וועגען געשלעכטליכער רייפקייט, מוזען מיר זיך בעקענען מיט די רייף געוואָרענע אָרגאנען פון רעפראָדוקציאָן. ביז אהער האט מען אין די פאָלקסשולען גערעדט וועגען פיזיאָלאָגיע בכלל, אָבער ניט וועגען די געשלעכטס-אָרגאנען. וויל א מיידעל נעמען אין ביבליאָטעק ביכער וועגען דעם ענין, פרעגט איהר די ביבליאָטעקארין: זייט איהר מעדיקער אָדער אקושערין אָדער א שפּיטאָל-שוועסטער? אז ניט, גיט מען איהר ניט דעם בוך. ווייסט טאקי ניט האס דורכשניטליכע מיידעל גאָרניט וועגען די געשלעכטליכע אָרגאנען און דעריבער מוזען מיר געבען אינפאָרמאציאָן, ניט בעהאלטענדיג זיך הינטער פערנעבעלטע פראזען.

די וויכטיגסטע געשלעכטסטיילען זיינען: די געביר-מוטער, דער אייערשטאָק, די פאלאָפּיען-רעהרען, וואגינא און ברוסטען.

דער אייערשטאָק איז א דריזע אזוי גרויס ווי א מאנדעל און האט דיזעלבע פאָרם וואס א מאנדעל. פאראן צוויי אייערשטאָקען אין יעדען פרויען-אָרגאניזם, איינער רעכטס, איינער לינקס פון'ם עקסטרעם-נידריגסטען טייל פונ'ם בויך, זיי זיינען איינגעפאסט אין געוועבען און גרויסע בענדער, וואס האבען נאָך א צוועק: צו האלטען די געביר-מוטער אויף איהר אָרט. אין יעדען אייערשטאָק געפינט איהר טויזענדער קליינע אייערלעך, וואס ליגען דארט פון דער געבורט פון דער מיידעל אָן. עס ווערט גערעכענט, אז פון צוואנציג ביז פופציג טויזענד אייערלעך האט יעדער אייערשטאָק בשעת געבורט. אין דעם אייערשטאָק ווערען די אייערלעך ענטוויקעלט און רייף. אין דער צייט פון פובערטעט זיינען די אייערלעך

אין פערשיעדענע שטופען פון ענטוויקלונג, איינע מעהר, אנדערע— וועניגער. די אייער, וועלכע זיינען אינ'ם צענטר פונ'ם אייערשטאָק ווערען פריהער רייפער, זיי רייסען זיך ארוים דורך דעם צודעק פונ'ם אייערשטאָק, ווערען אונטערגעכאפט פון די עקען פון די פאלאָ־פיענרעהרען, וועלכען זיינען אין א שטענדיגער בעוועגונג און א דאנק דער דאָזיגער בעוועגונג ווערט דאָס איי אריינגעשמיסען פון די רעהרען אין די געבירמוטער אריין.

די פאלאָפיען־רעהרען זיינען ארום פיער־און־א האלב אינטש לאנג און פערבינדען די אייערשטאָקען מיט דעם אויבערשטען, דרוי־סענדיגען ווינקעל פון דער געבירמוטער. די דאָזיגע רעהרען שפי־לען א גרויסע ראָל, זיי דארפען איבערטראָגען די אייער פונ'ם אייערשטאָק צו דער געבירמוטער. עס טרעפט, אז די ספערמען־צעל פונ'ם מענליכען אָרגאניזם בעגעגענט זיך אינ'ם פאלאָפיען־רעהר מיט דעם ווייבליכען איי און בעפרוכטעט דאָס איי; אבער דאָס איז ניט דאָס נעסט, וועלכעס די נאטור האָט אויסגעקליבען פאר דער ענטוויקלונג פונ'ם איי און אויב דאָס בעפרוכטעטע איי וועט ניט צוריקקעהרען זיך אין דער געבירמוטער, זיינען מעגליך ערנסטע קאָמפליקאציאָנען און אָהן אן אָפעראציאָן קען מען זיך ניט בעגעהן. די בעפרוכטונג אינ'ם פאלאָפיען־רעהר איז זעהר זעלטען, אָבער דאָך מעגליך.

דער וויכטיגסטער אָרגאן איז די געביר־מוטער. דאָס איז א לעדיגער מוסקול־אָרגאן אין וועלכען דאָס איי, וואָס קומט פון די פאלאָפיען־רעהרען ווערט בעפרוכטעט פונ'ם מענליכען זרע. נאָכ־דעם ווי דאָס איי איז שוין בעפרוכטעט געווארען, בלייבט זי אין דער געבירמוטער, נעהרט זיך און ענטוויקעלט זיך אזוי לאנג ווי ענטוויק־לונג איז מעגליך, ד. ה. ביז דאָס ענטוויקעלטע איי ווערט ניט ארויסגעשטויסען פון דער מוטער'ס בויך, ביז דאָס קינד ווערט ניט, ווי מיר רופען עס, געבאָרען. די געבירמוטער איז ארום דריי אינטש לאנג, און לויט איהר פאָרם איז זי עהנליך צו א באר, ווען מיר האלטען זי מיט'ן קלענערען עק ארונטער. די געבירמוטער איז ניט פערבונדען מיט עפעס א פעסטען, ביינינגען טייל, זי ווערט איינגע־האלטען אין איהר אָרט פון בענדער און געוועבען, וואָס ערלויבען איהר צו בעוועגען זיך צוזאמען מיט'ן גאנצען קערפער. דאָס אינ־טערעסאנטעסטע איז וואָס די געבירמוטער מיט איהרע עטליכע אינטש לענג קען זיך אויסציהען און צוציהען אויף אזוי פיעל, אז




פיג. 1.

געבירמוטער, רעהרען און אייערשטאָק. רעכטס — דער אייערשטאָק און פאַלאָפּיען־רעהר אַ געעפענטע. A) די געביר־מוטער. B) דער אייער־שטאָק. C) דער פאַלאָפּיען־רעהר.

דאָס קינד זאָל אין איהר ליגען בעקוועם. זי ווערט דאמאלס 19-21 אינטש לאנג. מעגליך איז דאָס דערפאר, ווייל זי איז 1½-1 אינטש דיק און בעשטעהט פון שיכטען מוסקולען, וועלכע זיי־נען שטייף און אין דערזועלבער צייט פלאַסטיש. דאָרט וואו די געבירמוטער ענדיגט זיך איז פאַרהאַן א עפענונג, וואס פיהרט אין דער שייד אריין. דורך דער דאָזיגער עפענונג דרינגט די מענ־ליכע ספערמע אין דער געבירמוטער אריין. פון דעם אלעמען זעהען מיר, אז די געבירמוטער איז דאָס נעסט אָדער דאָס וויגעל אין וועלכען דאָס איי לעבט און ענטוויקעלט זיך, ביז עס ווערט גענוג שטאַרק צו לעבען אין אן אנדער סביבה.

די שייד איז א מוסקולען דורכגאַנג, עהנליך צו א רעהר, וועל־כער ציהט זיך פון דעם קלייגערען עק פון דער געבירמוטער און פערענדיגט זיך מיט א עפענונג, וועלכע איז געוועהנליך ביי מיידלעך, וואָס האָבען ניט געלעבט געשלעכטליך, פערצויגען מיט א דינער הייטעל. די וואנטלעך פון דער שייד זיינען אויך זעהר דיק און עלאסטיש. אָפטמאָל הייסען די טיילען דער געבורטס־קאנאל. ניט וועניג האָבען מעדיקער די לעצטע יאהרען דיסקוטירט וועגען דעם דאָזיגען יונגפרוי־הייטעל. אמאָליגע צייטען האָבען אלע געמיינט, אז א פרוי, וואס האָט ניט דאָס דאָזיגע הייטעל, איז אן אויסגע־לאסענע און האָט שוין געהאט צו טהון מיט מענער. דאָס פלעג פיהרען אפט צו ערנסטע צוזאמענשטויסען אין פאמיליען־לעבען. נאָך איצט מיינט יעדע דורכשניטליכע מיידעל, אז א סימן פון גע־שלעכטליכער ריינהייט און אונשולד איז דאָס, וואָס דאָס הייטעל איז אויף איהר אָרט. וויסענשאפטליכע פאָרשונג האָט בעוויזען, אז די אלע אלטע בעגריפען האָבען קיין שום ממשות ניט. עס זיינען בע־קאַנט פרויען, וואס האָבען פראסטיטואירט פיער און פינף יאהר און זייער יונגפרוי־הייטעל איז געוועזען גאַנץ און ניט־געריהרט. עס איז וויכטיג צו וויסען, אז דאָס הייטעל האָט ניט דיזעלבע גרויס און פאָרם ביי אלע פרויען. אנדערע פרויען האָבען פון געבורט אָן קיין הייטעל ניט. אָפט בעגעגענען די ספעציאַליסטען קליינע מיידלעך און זויג־קינדער אָהן א יונגפרוי־הייטעל. עס קען צופעליג צו־שטערט ווערען אדער ליידען פון א אָפעראציאָן אדער א ניט־אויפ־מערקזאמער אונטערזוכונג פון א דאָקטאָר. דאָס הייטעל איז ביי אנדערע פרויען אזוי דין, אז עס ווערט צוריסען זעהר לייכט; ביי אנדערע איז דאָס הייטעל פעסטער און ווערט ניט אזוי שנעל צו־

שטערט. עס טרעפט, אז דער דאָקטאָר קומט נעמען דאָס קינד ביי א געווינערין און צו זיין פערוואונדערונג געפינט ער א ניט־געריהרט הייטעל. דאָס אלץ בעווייזט, אז ניט דאָס, וואָס דאָס הייטעל איז ניט־געריהרט און ניט דאָס, וואס עס איז צושטערט, איז עפּעס א סימן פון אונשולדיגקייט און געשלעכטליכע ריינקייט אדער אונריינקייט.

---

קאַפּיטעל 5.

# דאָס מאָנאַטליכע.

ווי נור דאָס מיידעל דערגרייכט די פּובערטעטס־יאהרען, הויבט זיך אָן אין איהר אָרגאַניזם א נייער, זעהר וויכטיגער פּראָצעס. אינ׳ם אייערשטאָק ווערען רייף די אייערלעך און ווערען ארויסגע־שטויסען פון איהם. דער פּראָצעס, וועלכער הייסט אויפ׳ן וויסענ־שאפטליכען לשון אוואולאציאָן, ווידערהאָלט זיך יעדע אכט־און־צוואנציג טעג. דער פּראָצעס איז שטאַרק פערבונדען מיט׳ן מאָ־נאַטליכען, אָבער דאָס איז נאָך ניט דאָס מאָנאַטליכע. געוויסע שרייבער בעהויפּטען, אז די אייער ווערען ארויסגעשטויסען פונ׳ם אייערשטאָק ניט נור אין דער מאנסטרואציאָנס־צייט. יעגער געהט אזוי ווייט, אז ער זאגט, דאָס יעדע זעקס שטונדען פערשווינדט אן איי פונ׳ם אייערשטאָק. עס זיינען פאַרהאַן פערשידענע טעאָריען פון אָוואולאציאָן. די אלגעמיינסטע און פערשפּרייטסטע טעאָריע איז יענע, וואָס בעהויפּטעט אז דער דערמאָנטער פּראָצעס געשעהט יעדע אכט־און־צוואנציג טעג.

ווען דאָס איי ווערט רייף, וואַנדערט עס פון דעם אייערשטאָק דורך די פאלאָפּיען־רעהרען צו דער געבירמוטער. אין דער געביר־מוטער איז אין דער צייט א גרעסערער בלוט־צופלוס ווי געווענליך, דער אָרגאַן האָט זיך צוגעגרייט אויפצונעמען דאָס איי. דאָס אינ־ווייניגסטע פון דער געבירמוטער איז געוואָרען ווייך און גלאַט; די צעלען זיינען אָנגעשוואָלען, האָבען זיך פערמעהרט: זיי זיינען גרייט צו נעהרען דאָס אונקומענדיגע איי. ווערט דאָס איי בעפרוכ־טעט פונ׳ם מאַן, בלייבט עס אין דער געבירמוטער. אָבער איז דאָס איי געבליבען ניט בעפרוכטעט, ווערט עס אַרויסגעשטויסען צוזאַמען מיט׳ן בלוט און אַנדערע שטאָפען, וואָס האָבען געוואַרט אויפ׳ן איי. די צעלען פּלאַצען און בעפרייען זיך פון די שטאָפען,

וואָס זיינען אין זיי געוועזן. דאָס בלוט, די אונגוויטיגע צעלען און אלעם איבריגע שפּאַרט ארויס פון דער געבירמוטער אין׳ם אזוי־גערופענעם מענסטרואציאָנס־שטראָם.

מענסטרואציאָן האָט אַ מיידעל יעדע פיער וואָכען. זי הויבט אָן צו מענסטרואירען, ווען זי ווערט געשלעכטליך־רייף און כל זמן זי האָט ניט פערלאָרען די פעהיגקייט צו האָבען קינדער, ד. ה. געוועהנליך ביז 45-50 יאהר האָט זי דאָס מאָנאַטליכע. דאָס איז אָבער געשטערט געוואָרען נור אין דעם פאל, ווען דאָס איי ווערט ניט בעפרוכטעט. ווערט דאָס איי בעפרוכטעט, הויבט די פרוי אָן צו שוואַנגערען — האָט זי שוין ניט דאָס מאָנאַטליכע און דאָס איבריגע בלוט פליסט שוין ניט ארויס, נאָר בלייבט און נעהרט דאָס נייע לעבען אין דער געבירמוטער; ערשט נאָכדעם, ווי דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען, האָט די פרוי ווידער דאָס מאָנאַטליכע. ווען זי גיט דעם קינד אליין צו זויגען, מענסטרואירט זי ניט.

עס איז ניטאָ קיין בעשטימטע צייט, ווען יעדעם מיידעל מוז אָנהויבען צו האָבען דאָס מאָנאַטליכע. דאָס הענגט אָב פון יעדען איינצעלנעם אָרגאניזם. דער קלימאט האָט אויך אַ ווירקונג. מיידלעך אין די ווארימע, זידליכע לענדער ווערען פריהער רייף, ווי די מיידלעך אין די קעלטערע לענדער. אין די פעראייניגטע שטאַאטען הויבט אַ מיידעל אָן צו מענסטרואירען, ווען זי איז אלט פערצעהן יאָהר. אבער דאָס איז ניט אַ געזעץ פאר אלע. ס׳איז בעקאַנט, אז מיידלעך פון עלף יאהר האָבען שוין מענסטרואירט און פערעהרט זיינען געוועזן אויך אזעלכע, וואָס האָבען ניט געהאט דאָס מאָנאַטליכע ביז אכצעהן יאהר. און אין אזעלכע אויסנאַמס־פאלען זיינען די דאָזיגע מיידלעך געוועזן געזונד און נאָרמאַל. דאָס בעווייזט, אז אויב אַ מיידעל האָט נאָך ניט קיין מאָנאַטליכע צו פערצעהן יאהר, איז ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך, אבי זי איז בכלל געזונד און פיזיש־נאָרמאַל. אין דעם משך פון די ערשטע עטליכע יאהר, וואָס דאָס מיידעל האָט אָנגעהויבען צו מענסטרואירען, זיינען איהרע מאָנאַטליכע ניט זעהר רעגעלמעסיג. דאָס איז דערפאַר, וואָס איהרע געשלעכטליכע אָרגאנען זיינען ניט גענוג ענטוויקעלט. עס טרעפט, אז דאָס מיידעל האָט געהאט דאָס מאָנאַטליכע דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען און דערנאָך פערגעהען דריי מאָנאַטען און פינף און אכט און אמאָל אַ יאהר, ביז זי האָט נאָכאמאָל מענסטרואציאָן. אזא אונרעגעלמעסיגקייט געדויערט געוועהנליך די

ערשטע צוויי יאהר, דערנאָך שטעלט זיך עס איין. עס האָט געטראָפען, אז מיידלעך, וואס האָבען געהאט רעגעלמעסיג זייערע מאָנאַטליכע אין אייראָפּאַ, האָבען, קומענדיג אהער, ניט געהאט קיין מענסטרואציאָן א יאהר צייט און אמאָל מעהר. דאָס נעמט זיך פון'ם איבערבייטען דעם קלימאַט. געוועהנליך דויערען די דאָזיגע אונרעגעלמעסיגקייטען נור א פּאָר מאָנאַטען און האָבען זיך די מענסטרואציאָנען שוין איינגעשטעלט, דאַרף מען ניט ווערען צו נערוועז, ווען זיי פערשפּעטיגען זיך אמאָל אויף א פּאָר טעג אדער קומען פריהער.

ווי לאַנג דויערט יעדעס מאָל די מענסטרואציאָן? אויף אויף דער פראגע קען מען ניט.געבען קיין ענטפער, וואס זאָל קענען ווערען אָנגעווענדט צו יעדען פאַל. דורכשניטליך דויערט עס פיער־פינף טעג. אָבער עס זיינען פאַראַן פרויען, וואס האָבען דאָס מאָנאַטליכע א גאַנצע וואָך און ביי אַנדערע דויערט עס א פּאָר שעה. פערשטעהט זיך, דאָס זיינען אויסנאַהמען. איבריגענס איז ניט אזוי ייכטיג ווי לאַנג דאָס מאָנאַטליכע דויערט, ווי דאס וויפיעל בלוט יי פרוי פערלירט. דאָס איז, פערשטעהט זיך, שווער צו בעשטימען, אבער אין אַלגעמיינעם, זאָגען דאָקטוירים, אז א פרוי דאַרף ניט בעניצען מעהר ווי דריי שוץ־וואַטען־פּעקלעך אין פיער־און־צוואַנציג שטונדען. אַלע פרויען פערלירען די ערשטע צוויי טעג מעהר בלוט, ווי אין די שפּעטערדיגע טעג.

אין דער צייט פון מענסטרואציאָן דאַרף דאָס מיידעל מעהר אין זין האָבען איהר געזונדהייט, ווי געוועהנליך. א מיידעל, וואס דאַרף ארבייטען פון אינדערפריה ביז נאַכט, איז שווערער צו איבערטראָגען דאָס מאָנאַטליכע די ערשטע צוויי טעג. זי איז נערוועז, פיהלט זיך שלעכט, אבער צום בעדויערען קען מען די ארבייטער־מיידלעך קיין שום עצה ניט געבען.

דאָקטוירים זאָגען, אז מיידלעך דאַרפען אין דער צייט פון מענסטרואציאָן לעבען, ווי געוועהנליך, טהון די געוועהנליכע ארבייט, אָבער זיין פאָרזיכטיג. פאַראַן שטאַרקע פרויען, וואָס דאָס מאָנאַטליכע אַרט זיי גאָרניט. זיי פיהלען גאָרניט, אז זיי האָבען עס. אבער דאָס איז א זעלטענהייט. דאָס געוועהנליכע דורכשניטליכע מיידעל אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען איז ניט אַזוי שטאַרק, אז זי זאָל ניט פיהלען קיין וועהטאָג און אונאַנגענעמליכקייטען די ערשטע צוויי טעג. פון טויזענד מיידלעך, וועלכע מען האָט געשטעלט די

פראגע, צי פיהלען זיי עפעס א וועהטאג אין דער צייט, האבען נור זעכצעהן פון הונדערט געענטפערט, אז זיי טהוט אבסאלוט גאר־ניט וועה. דאס הייסט, אז די מאיאריטעט מיידלעך האט וועה־טאגען די ערשטע טעג. עס איז שוין צייט מיידלעך זאלען זיך ניט שעהמען מיט'ן מאנאטליכען. די ארבייטענדע מיידלעך מעגען פאר־דערען פון זייערע בעלי־הבת'ים אז זיי זאלען זיי לאזען וועניגסטענס א טאג פריי אויף זייער חשבון. לויט דער ביבלישער אויפפאסונג איז די פרוי אין דער צייט פון מענסטרואציאן אן אומריינע; פון דעם דאזיגען נארישען קוק האט זיך די פרוי ניט געקענט בעפרייען ביז דער לעצטער צייט. זי וועט בעסער ליידען די גרעסטע יסורים און וועט ניט לאזען פיהלען די מענער־ארבייטער, אז זי האט דאס מאנאטליכע. א שאנדע! אבער איז דאס ניט אונזין? פאר־וואס זאלען פרויען ניט פעראייניגען זיך אין איין גרויסען שוועס־טערליכען פערבאנד, כדי צו שיצען איינע די אנדערע פון עקספלו־אטאציאן? מיידלעך ליידען פון קאפ־וועהטאג, עס ברעכט זיי די זייט, שניידט אינ'ם רוקען, אין בויך, זיי ווילט זיך ברעכען, זיי זיינען נערוועז און אויפגערעגט און דאך וועלען זיי זיצען ביי דער מאשין אדער שטעהן אין געשעפט א גאנצען טאג און ביי נאכט אין א איבערגעפילטען צוג אנהענגען זיך אויף א רימען און — שווייגען, קיין ווארט ניט זאגען. ווי לאנג וועלען דאס ארבייטער־פרויען איבערטראגען?

מען דארף ניט פערגעסען, אז מעהר פון אלעמען ליידען אין דער צייט פון מאנאטליכען די נערווען. זיי דארפען געשטארקט ווערען. דאס בעסטע איז דעריבער זיין רוהיג, שלאפען וואס מעהר. קען דאס מיידעל ניט אויספיהרען צו בלייבען אין דער היים און מוז ארבייטען, זאל זי יעדענפאלס זעהן לעגען זיך שלאפען וואס פריהער, ווען זי קומט שוין פון דער ארבייט. שלאף איז דאס בעסטע מיטעל, וואס בערוהיגט די נערוועז.

צום גליק, זיינען אין שול די לעהרערינס גוט צו מיידלעך און פאדערען ניט אזוי פיעל, ווען זיי בעמערקען, אז זיי האבען דאס מאנאטליכע. דאס איז זעהר שעהן פון די לעהרערינס זייט. אזוי לאנג, ווי דאס מאנאטליכע האט זיך נאך ניט איינגעשטעלט, קען איבריגע שול־ארבייט זעהר שעדליך זיך אברופען אויף דער מיי־דעל'ס געזונדהייט.

אין צייט פון מענסטרואציאן איז ניצליך, לויט מיין מיי־

נונג, זיך איינרייבען דעם קערפּער מיט קאַלטען וואסער, נעמען וואַרימע וואַנען, עסען נאַהרהאַפטע שפּייזען, שלאָפען אַ ניין־צעהן שעה. אויב דער מאָגען איז אין אָרדנונג, פיהלט מען זיך פיעל בעסער. עס איז דעריבער זעהר וויכטיג, אַז יעדעס מיידעל זאָל אויפּפּאַסען אויף איהר מאָגען.

פאַרהאַן אַבנאָרמאַליטעטען אין דעם מענסטרואַציאָנס־פּראָצעס: אָדער דאָס מיידעל האָט זעהר שטאַרקע וועהטאָגען אָדער צופיעל בלוט פערלירט זי אָדער דער בלוט־פלוס איז גאָר אַ שוואַכער. מייסטענטיילס הענגען די אַלע אונאָרמאַליטעטען אָב ניט פון עפּעס אַ קראַנקהייט פון די געשלעכטליכע אָרגאַנען, נור פון דער אַלגעמיינער שוואַכקייט פון אָרגאַניזם. איז דער אָרגאַניזם געזונד, איז מענסטרואַציאָן אַ געוועהנליכע, איינפאַכע פונקציאָן, וואָס שטערט ניט די געוועהנליכע ענטוויקלונג פונ'ם אָרגאַניזם.

---

## קאַפּיטעל 6.

# אָנאַניזם.

ווי מיר האָבען שוין ערקלערט, איז מענסטרואַציאָן דער ערשטער סמן פון געשלעכטליכער רייפקייט פונ'ם מיידעל. דער געשלעכטליכער אימפּולס לאָזט זיך אָבער פיהלען נאָך אויף אַנדערע וועגען, בעזונדערס אין שלאָף. איהר זייט אַנשלאָפען געוואָרען, אָבער די לעבענס־פּראָצעסען זיינען ניט אָבגעשטאָרבען, איהר האָט חלומות און אין די חלומות שפּילט דאָס געשלעכטליכע אַ גרויסע ראָל. פון דער געבירמוטער טריפט אַרוים עפּעס קלעביגעס: עפּעס האָט זיך אָנגעקליבען אין אָרגאַניזם און רייסט זיך אַרוים. ביי יונגע מיידלעך טרעפט זיך דאָס זעלטען, אָבער אין די שפּעטערע יאָהרען קען דאָס זיין גאַנץ אָפט. בעזונדערס ביי פרויען, וואָס האָבען געלעבט געשלעכטליך און זיינען געצוואונגען געווען אָדער האָבען זיך מיט'ן אייגענעם ווילען אָבגעזאָגט פון געשלעכטליכען לעבען, ווי יונגע אַלמנות צום ביישפּיעל. פרויען פיהלען זעלטען, אַז זיי האָבען געהאַט אַזעלכע נאַכט־פּאָלוציאָנען און דעריבער טאַקי איז דאָס פאַר זיי ניט אַזוי שעדליך, ווי פאַר מענער.

רעדען מיר פון פּאָלוציאָנען, וועט ניט זיין איבריג אָבצושטעלען זיך אַ ביסעל אויף דער ענטוויקלונג פונ'ם אינגעל. ווערענדיג געשלעכטליך רייפער, לעבט ער איבער אַ זעהר וויכטיגע עוואָלו־

ציאָן: זיין שטימע ביים זיך, האָר בעווייזען זיך אויפ'ן געזיכט און אין אנדערע טיילען פון קערפּער, אָבער די וויכטיגסטע ענ־דערונג, וואָס איז פּאָרגעקומען מיט איהם, איז דאָס, וואָס פון צייט צו צייט האָט ער פּאָלוציאָנען: אין שלאָף ביי נאכט און אמאָל אויך ביי טאָג פליסט ביי איהם ארוים עפּעס קלעפּיגעס, געדיכטעס. יעדער נאָרמאַלער אינגעל האָט אזעלכע פּאָלוציאָנען. דאָס איז נים קיין קראנקהייט, נור א גאַנץ נאַטירליכע זאך. עס איז פּאר־האַן א געוויסע ענליכקייט צווישען די פּאָלוציאָנען און דעם מאָ־נאַטליכען, אָבער אויך — גרויסע אונטערשידען. די פרוי האָט דאָך מאָנאַטליכע אין א בעשטימטער צייט, אבער די פּאָלוציאָנען זיינען ניט אָבהענגיג פון צייט; זיי קומען פאָר אין פערשיעדענע צייטען, אָפט צווייםאָל א מאָנאַט. דאָס מאָנאַטליכע דויערט לאַנג, פון צוויי טעג ביז זיבען און די פּאָלוציאָנען — א פּאָר סעקונדען. דאָס מאָנאַטליכע איז אָפט פערבונדען מיט גרויסע שמערצען, די פּאָלוציאָנען — קיינמאָל ניט: דאָס איז אינגאנצען א שמערצ־לאָזער פּראָצעס און א נאָרמאַלער. אן אבסאָלוט נאָרמאַלער. פּאָ־לוציאָנען זיינען ניט קיין סמן פון פיזישער שוואכקייט אָדער גע־שלעכטליכער שוואכקייט, נור גראָד פארקעהרט; זיי בעווייזען, אז דער אָרגאַניזם ענטוויקעלט זיך נאָרמאַל און שטויסט ארויס די איבריגע, אונגוציגע שטאָפען.

דער אָרימער אינגעל, וואָס ווייס ניט וואָס פיזיאָלאָגיע איז, ווערט אָבער שטאַרק דערשראָקען, אויפגעאפּענדיג זיך און דער־זעהענדיג שפּורען פון עפּעס א פליסיגקייט אויפ'ן לייב אָדער בעט־געצייג. שאַרלאַטאַנען־דאָקטוירים עקספּלואַטירען די אונערפאַרענ־קייט און אונוויסענהייט פונ'ם יונגערמאַן. זיי שרעקען איהם, רעדען איהם איין, אז דאָס איז א סמן פון קראַנקהייט, פון שוואכ־קייט. דאָס אינגעל ווענדט זיך צו חברים, צו עלטערען אמאָל, ער דערצעהלט זיי, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. די חברים מאַכען אן אָנשטעל, אז זיי זיינען גאַנצע וויסער, שאָקלען מיט'ן קאָפּ, הייסען איהם נעמען מיטלען, עפּעס טהון, ד. ה. געהן צו א גאַסען־פרוי. אונוויסענדע עלטערען זיינען ניט בעסער אָפט פון נארישע אינגלעך, וואָס קאָקעטירען מיט זייער ערפאַרענקייט; זיי גיבען דיזעלבע פערברעכערישע עצה זייער קינד, זיי דעמאָראַליזירען איהם, זיי טרייבען איהם מיט אייגענע הענד אינ'ם הויז פון שאַנ־דע. זיי רעדען איהם איין, אז ער מוז האָבען געשלעכטליכע פער־בינדונגען אָדער ער בלייבט אויף שטענדיג אונפעהיג צום געשלעכט־

ליכען לעבען. דאָס איז אַלץ אַ שעדליכער ליגען. אַן איינרעדע־ניש. אַ נאַרישער אַבערגלויבען. קיינעם שאַדט ניט דאָס, וואָס ער לעבט ניט געשלעכטליך אין די אינגערע יאָהרען. מיט אַזעלכע איינרעדענישען מאַכען מיר אומגליקליך אונזערע קינדער, עפענען זיי אַליין די טירען פונ׳ם הויז פון שאַנדע און שטעלען אין קאָן זייער געזונדהייט און, גאַנץ אָפט, זייער לעבען.

מיר קעהרען זיך צוריק צו די נאַכט־פּאָלוציאָנען. דאָס אינגעל האָט זיך אויפגעכאַפּט, ער האָט אַ געפיהל, אַז איהם איז געוואָרען לייכטער, איהם איז גוט, אַנגענעהם. אויב איהר וואָרענט איהם ניט, אַז ס׳איז שעדליך, וועט ער אַליין פּרוואווען קינסטליך אַרויס־רופען אַזאַ געפיהל, ד. ה. ער וועט אָנהויבען אָנאַנירען, זיך צוגע־וועהנען צו דער שעדליכער מאַניפּולאַציאָן און פערדערבען זיין געזונדהייט און לעבען. דאָס איז אַ גרויסע געפאַהר, וואָס לויערט אויפ׳ן אינגעל, אַזוי ווי אויפ׳ן מיידעל. יאַ — אויפ׳ן מיידעל אויך, ווי אונגלויבליך דאָס וועט זיך דוכטען אייך, ווייל מיידלעך אָנאַ־נירען אויך. אַ מיידעל מעג ניט פיהלען, אַז זי האָט געהאַט נאַכט־פּאָלוציאָנען, זי מעג גאָרניט וויסען דערפון, אָבער איהרע נערווען ווערען גערייצט און אָנגעשטרענגט פון דער איבערפילטקייט פון די שוין ענטוויקעלטע געשלעכטליכע אָרגאַנען. פון דעם דאָזיגען געפיהל צום אָנאַנירען איז נור איין שריט. דאָס מיידעל רעדט מיט איהרע חבר׳טעס וועגען איהר מאָנאַטליכען און אַנדערע גע־שלעכטליכע ענינים, ווערט אויפגערעגט און ניט האָבענדיג נאָך קיין שטאַרק־ענטוויקעלט געשלעכטס־בעדערפעניש, פּרוואווט זי זיך דער־ווייל בעפרייען פון עפּעס אַן אונאַנגענעהמען געפיהל, וואס דריקט איהר: זי אָנאַנירט. אָפט איז דאָס די שולד פון דער אַם אדער מוטער: דאָס קינד שרייט, ווייל די אַם אָדער מוטער עס בערו־היגען. זיי גלעטען די געשלעכטליכע טיילען, פערשלעפערענדיג דערמיט דאָס קינד און אַזוי ווערט דאָס קינד פון דער פריהעסטער יוגענד צוגעוועהנט צו דער ספּעציפישער אויפרעגונג, וואָס איז פערבונדען מיט׳ן אָנאַנירען. אַנדערע אורזאַכען, וואָס טרייבען צום אָנאַניזם, זיינען אומריינקייט, צו שטייפע קליידונג, הויט־בייסע־ניש. דעריבער דאַרפען עלטערען זעהן אַז די קינדער זאָלען זיין ריין, לויז געקליידט און אויסמיידען יעדע אויפרעגונג פון דער הויט.

עס טרעפט, אַז קליינע קינדער אָנאַנירען אין דער אָנוועזענ־הייט פון זייערע עלטערען, אָבער יענע פערשטעהען ניט, וואס דאס איז, זיי האָבען ניט געהערט פונ׳ם אָנאַניזם. זעהען זיי, אַז דאָס

קינד זויגט דעם פינגער, מאכען זיי זיך דערפון ניט: ס'איז דאָך א קינד. זעהען זיי, אז דאָס קינד פּאַרעט זיך ארום די געשלעכט־ליכע טיילען, זאָגען זיי אויך: א קינד. און אזוי לאָזט זיך דאָס קינד אריין אין דער שלעכטער געוואוינהייט און רואינירט זיין אָר־גאַניזם.

אנדערע עלטערען מיינען, אז אין דער שולע זיינען שוין די קינדער זיכער. אוועק פון הויז — אוועק פון אויג. זיי אַרט ניט, וואָס די קינדער טהוען אין דער שולע. דאָס איז א גרויסער פעה־לער. מיר דאַרפען זיך אינטערעסירען מיט דעם צייטפערטרייב פון די קינדער אין שולע. דאָרט לערנען זיי זיך אָפט אוים צו אָנאַ־נירען. אין יעדער שולע בעגעגענט איהר אינגלעך און מיידלעך, וואָס אָנאַנירען. א פּאָר פערדאָרבענע אינגלעך אָדער מיידלעך קע־נען פערדערבען א גאַנצען קלאַס. זיי פערפּעסטען די גאַנצע אַט־מאָספער, זיי דערצעהלען מאוסע געשיכטען, פערפיהרען צו מאַס־טורבאציאָן, ווייזען דעם וועג צום הויז פון שאַנדע, בעקענען די קלע־נערע מיט גאַסען־פרויען. אויף אזעלכע פערדאָרבענע עקזעמפּלאַ־רען דאַרף די לעהרערין שטענדיג האָבען אן אויג. בענוגענען זיך מיט דעם, וואָס זי לערענט מיט די קינדער, איז ווייניג. זי איז ער־ציהערען. זי האַלט אין איהרע הענד דעם שיקזאַל פון די קינדער. זי דאַרף זיי פערהיטען פון שלעכטע חברים און זיין זיי א גוטער פריינד, וואָס אינטערעסירט זיך מיט אַלעמען, וואָס האָט א שייכות צו זייער פיזישער, גייסטיגער און מאָראַלישער ענטוויקלונג.

וועגען דער שעדליכקייט פון אָנאַניזם האָבען אויטאָריטעטען פערשידענע מיינונגען. אנדערע בעהויפּטען, אז די געפאַהר איז גאָרניט אזוי גרויס, ווי מיר מיינען. איינער, וואָס האָט ניט לאַנג געשריבען וועגען אָנאַניזם, וויל האָבען, אז די צרה איז אזוי שטאַרק פערשפּרייט, אז מען קען זיכער זאָגען, אז פון יעדע הונדערט יונגעלייט און פרויען זיינען ניינציג־ניין זיכער אָנאַניסטען און דער הונדערטסטער, וואָס איז דאָס ניט, איז — א ליגנער. נאָך אן אויטאָר זאָגט, אז פון יעדע הונדערט מענשען, וואָס האָבען דערגרייכט דאָס עלטער פון 25 יאָהר, האָבען ניינציג־ניין זיכער וועז ניט איז אין זייער לעבען אָנאַנירט. די מענשען, וואָס ברענ־גען אזעלכע ציפערען, ווילען דערמיט בעווייזען, אז אויב אַלע ניין־און־ניינציג פון הונדערט, וואָס האָבען אָנאַנירט אָדער אָנאַנירען נאָך איצט, זיינען געזונד און ניט אין א משוגעים־הויז, קען דאָך

די דאזיגע געוואוינהייט ניט זיין אזוי שעדליך, ווי אנדערע ווילען האבען.

בעטראכט אביסעל רוהיגער און לאגישער די דאזיגע שרעקליך וויכטיגע פראגע: יעדער פערשטעהט, אז דעם יונגען ארגאניזם קען ניט צוקומען קיין געזונד, ווען עס ווערען מיסברויכט ארגאנען, וועלכע זיינען נאך ניט ענטוויקעלט. די שוואכע ארגאנען ווערען דערפון נאך שוואכער; דאס וועט זיך אברופען אויפ'ן מענשען אין שפעטערע יאהרען. זאל נור דאס אינגעל זיך אריינלאזען אין דער דאזיגער געוואוינהייט און ניט געווארענט ווערען אזון מיט דער צייט קען עס קומען דערצו, אז ער וועט ניט פעהיג זיין צו לעבען געשלעכטליך. איהר דארפט שטענדיג געדענקען, אז ס'איז א גרויסער אונטערשיד צווישען דעם נאטירליכען געשלעכטליכען אקט און דעם אנאנירען. צום נאטירליכען אקט דארפט איהר האבען די איינשטימונג פון אן אנדערען מענשען; איהר הענגט אב פון איהם; אבער דער אנאניסט דארף קיינעמס איינשטימונג ניט. ער הענגט ניט אב ניט פון יענעמס ווילען, ניט פונ'ם ארט. איבעראל, צו יעדער צייט, קען ער בעפרידיגען זיין לוסט. קיינע צאמען! קיינע מניעות! אט אזוי פערלירט ער אלץ מעהר די טייערע געשלעכטליכע ענערגיע און שעפט אויס זיינע לעבענסקרעפטען. נאך געפעהרליכער איז דאס קאפ־אנאנירען. דער עלטערער אינגעל, אדער בחור, אדער מיידעל, שטרענגט אן די פאנטאזיע, שטעלט זיך פאר אונאנשטענדיגע סצענען, מאלט זיך אין קאפ נאקעטע לייבער, אויסגעלאסענע פאזען און האט פון דער בעטראכטונג פון אזעלכע בילדער שוין די געשלעכטליכע בעפרידיגונג. דאס ווירקט זעהר שלעכט אויף די נערוועז, אויף דער נשמה. דאס נערוועז־סיסטעם ווערט ערשעפט; דער גייסט ווערט פערדונקעלט און געטויט.

דער אנאניסט געוואוינט זיך צו שטארקע פיזישע און גייסטיגע אויפרעגונגען. פון צו אפטען פונקציאנירען ווערען די געשלעכטליכע ארגאנען קאטאראליש ענטצינדעט; זיי זיינען אין שטענדיגער אויפרעגונג. דער מענש וויל זיך בערוהיגען און בערוהיגען קען ער זיך נור טהוענדיג דאסזעלבע, נאכגעבענדיג ווידער זיינע מאוסע געוואוינהייטען, אזוי פאלט ער אריין אין א נעץ און פערפלאנטעט זיך אלץ מעהר; דער ארימער מענש גיט זיך א נדר קיינמאל מעהר ניט „טהון דאס". ער טהוט עס אבער. ער קען

זיך ניט קאָנטראָלירען. ער פיהלט, אז די געוואוינהייט ערנידריגט איהם מאָראַליש. ער וויס, אַז זיין כאַראַקטער ווערט פערדאָרבען, זיין אָרגאַניזם רואינירט. אָבער דאָס אַלץ האָט אויף איהם קיין ווירקונג ניט. זיין געוואוינהייט איז שטאַרקער פון זיין ווילענס-קראַפט; ער קען זי ניט בייקומען. און דאָך וויל ער זיין געזונד, מוז ער זיך קאָנטראָלירען, מוז ער זיך בעפרייען פון זיין געוואוינ-הייט, מוז ווערען א פרייער נאָרמאַלער מענש!

אָפט קומט אויס צו הערען פון מיידלעך, וואָס האָבען גאַנץ אונשולדיג אָנגעהויבען „טהון דאָס" און דערנאָך האָבען זיי זיך אַזוי צוגעוואוינט צו דער אוננאַטירליכער אויפרעגונג, אז דער נאָרמאַלער געשלעכטס-אַקט גיט זיי קיין בעפרידיגונג ניט. זיי האָבען שוין אויפגעהערט צו „טהון דאָס" און דאָך זיינען זיי איבערנערוועז, אויפגערעגט. בכלל איז אַ פרוי שווערער בייצוקומען די געוואוינ-הייט, ווי מענער. אויף איהר האָט עס אויך אַ שעדליכערע וויר-קונג. זי דאַרף זיך זעהר היטען פאַר דער געוואוינהייט און האַל-טען זיך אין די הענד.

איך האָב געהאַט אַזאַ פאַל אין מיין פּראַקטיק: איך בין אַרומגעגאַנגען אַרום אַ אַכט-יעהריגען אינגעל, וואָס האָט געהאַט מאָזלען. ער איז געווען זעהר שעמעוודיג און ניט-צוגעלאָזען. צייט-ענווייז פלעגט ער ווערען נערוועז, אויסמיידען מענשען. איך האָב געהאַט אַ חשד, אז דאָס אינגעל אָנאַנירט. דער דאָקטאָר איז מיט מיר געווען איינפערשטאַנען און געהייסען מיר מיט'ן קינד רע-דען. דאָס קינד האָט זיך באַלד מודה געווען, אז ער „טהוט דאָס" זינט ער געדענקט זיך. ער פלעגט שלאָפען צוזאַמען מיט אַן על-טערען ברודער און האָט זיך פון איהם אָבגעלערענט דאָס. איך האָב דעם קינד ערקלערט, וואָס פאַר אַ געפאַהר „דאָס" איז און מיינע רייד האָבען אויף איהם געווירקט. ביי נאַכט הער איך, ווי דאָס אינגעל בעט זיין ברודער ער זאָל איהם בינדען די הענד; דאָס ברודערל האָט איהם מיט אַ טיכעל געבונדען די הענד, און אַזוי געטהון יעדע נאַכט, און אין עטליכע וואָכען האָט זיך דער קליינער אָבגעוואוינט פון דער שלעכטער געוואוינהייט.

מיר דאַרפען אויפקלערען די קינדער, וואָרענען זיי. זאָלען די קינדער וויסען, וואָס זיי טהוען! זאָלען זיי זיך היטען פאַר זיך אליין! זאָלען זיי וואָס מעהר אַרומלויפען, בעוועגען זיך, זיין אויף דער גאַס, טהון אַרבייט, וואָס מאַכט מיד, לעגען זיך שלאָפען אויס-

געמאַטערטע, אויסמיידען אַלע געטראַנקען. און איהר, עלטערען, לאָזט ניט אַרויס די אונערפאַהרענע קינדער פון אויג, טראָגט זיי שטענדיג אין קאָפּ, היט זיי אָב, אויב איהר ווילט זיי זאָלען אויס־וואקסען געזונדע און שטאַרקע.

---

## קאַפּיטעל 7.

# דער געשלעכטליכער אימפּולס.

ביז איצט האָבען מיר גערעדט וועגען דעם אוננאָרמאַלען גע־שלעכטליכען לעבען, אָבער וואס איז אַזוינס דאָס נאָרמאַלע גע־שלעכטליכע? וואס איז אין תוך דער געשלעכטליכער אינסטינקט?

דאָס וואַקסענדע מיידעל דערפיהלט פּלוצלונג עפּעס אונגעווענ־ליכעס. איהר איז אי זיס, אי שרעקליך. א געהיימניספולע קראַפט לאָזט איהר ניט רוהען; זי ווערט אונרוהיג. זי ווערט פערשקלאַפט פון א אינסטינקט — א מעכטיגען, א גרויזאַמען. דאָס איז דער געשלעכטליכער אינסטינקט — דער מעכטיגסטער פון אַלע. ער בע־הערשט אַלעס, וואָס לעבט. ער איז די טרייבקראַפט פון יעדען קאַמפּף. ער פעראייניגט מאַן און ווייב. ער דערוועקט אין'ם מאַן די העכסטע, עדעלסטע געדאַנקען. ער איז די אורקוואַל פון יע־דער קונסט און דיכטונג. ער בעגייסטערט, וועקט העלדישקייט. פון'ם געשלעכטס־אינסטינקט שטאַמט יעדעס לעבען.

דער געשלעכטס־אינסטינקט בעהערשט דעם אינגעל, ווי דאָס מיידעל. זיי ווערען רייפער, עלטער — די קינדער. ווילט זיך דעם מיידעל קושען, ארומנעמען, בעגעגנען זיך, רעדען אָהן א סוף, צו־ריהרען זיך צום אינגלישען לייב.ביי מיידלעך איז אַזא אימפּולס שטאַרקער, ווי ביי אינגלעך. אָבער דער געשלעכטליכער אינסטינקט בעפרידיגט זיך ניט מיט די צערטליכקייטען און סענטימענטאַלי־טעטען. דאָס פיזישע לאָזט זיך פיהלען; געשלעכטס־צעלען האָבען זיך אָנגעקליבען, זיי ווירקען אויפ'ן נערוועו־סיסטעם, שטרענגען איהם אָן; האָט דער אינדיווידד דאָס בעדערפניש צו בעפרייען זיך פון דער אָנגעשטרענגטקייט. עס ציהט צום אַנדערען געשלעכט פיזיש — דעם מאַן צו דער פרוי אין א שטאַרקערער מאָס. דער גרויסער געלעהרטער מאָל זאָגט, אז די צוויי אימפּולסען בילדען דאָס וויכטיגסטע אין'ם געשלעכטליכען אינסטינקט. ביידע אימפּולסען זיינען וויכטיג. אַנדערע מענשען איגנאָרירען דאָס פיזישע אין'ם

געשלעכטליכען לעבען — זיי זיינען צו אידעאליסטיש ; זיי האָ־בען א פאלשען קוק אויפ'ן געשלעכטליכען לעבען, מיינענדיג אז דאָס איז עפּעס אומריינס. אָבער יענע, וואָס מאַכען צו נישט געפיהלען און סענטימענטען, וואָס בענוגענען זיך נור מיט'ן פיזי־שען אין געשלעכט, זיינען ניט וועניגער גענאַרט. געפיהלען שפּילען אינ'ם לעבען א גרויסע ראָל — בעזונדערס ביי מיידלעך.

יעדעס מיידעל בענקט נאָך א אידעאַלען מאַן. יעדע האָט זיך איהר אידעאַל. איינע שטעלט זיך פאָר, אז דער, וועמען זי וועט ליעב האָבען, מוז זיין א ברונעט, האָבען שוואַרצע אויגען, זיין הויך־געוואַקסען, אַן אַנדערע מאָלט זיך איהר בעשערטען אַנדערש: ער איז בלאָנד, האָט בלאָהע אויגען, איז פון מיטלער וואוקס. אָפט בלייבט דאָס מיידעל דאָס גאַנצע לעבען לאַנג טריי איהר פאָרשטע־לונג וועגען דעם אידעאַלען מאַן. פריהער געפעלען איהר פערשי־דענע מענער, וואָס זיינען מעהר אָדער וועניגער ענליך צום אידע־אַלען טיפּ ווי זי שטעלט זיך איהם פאָר, אָבער אַז זי ווערט עלטער, ענדערען זיך איהרע פאָרשטעלונגען און זי איז מעהר איבערקלייַ־בעריש. אזוי געהט עס ביז'ן דריי־און־צוואַנציגסטען יאָהר: ערשט דאַמאָלס האָט יעדעס דורכשניטליך מיידעל א בעשטימטע פאָר־שטעלונג פונ'ם מאַן, וועלכער קען ווערען איהר לעבענסבעגלייטער.

געוועהנליך האָט דאָס אינגערע מיידעל א גרויסען טעות, מיי־נענדיג, אז געשלעכטליכע ליעבע איז די אמת'ע ליעבע. זי בע־געגענט א מאַן, וועלכער ציהט איהר צו מיט זיין שענקייט, און זי טראַכט שוין וועגען הייראַט. אָבער פיזישע שענקייט פערגעהט שנעל, דאָס קען ניט זיין קיין פונדאַמענט פון א דויערענדער, גליק־ליכער הייראַט. ליעבע איז וויכטיגער פונ'ם געשלעכטליכען אינ־סטינקט. עס איז ניט גענוג, וואָס עמיצער געפעלט אייך. איהר דאַרפט האָבען רעספּעקט צום מאַן, סימפּאַטיזירען מיט איהם און זיין ארבייט, קענען קאָנטראָלירען זיך. איהר דאַרפט האָבען אינ־טערעסען, וועלכע ער האָט, זיין נאָהענט צו איהם אין גייסט. דאָס איז א שטאַרק, גרויס געפיהל, וואָס קען פערבינדען אייערע לע־בענס. די אמת'ע ליעבע, וואָס פאָדערט, אז מאַן און ווייב זאָלען זיין איין מענש, איין נשמה, איז דאָס שטאַרקסטע, ערעלסטע גע־פיהל. אודאי איז דער נאַטירליכער צוועק פון'ם געשלעכטליכען לעבען די געשלעכטליכע פעראייניגונג, אָבער איז דאָס אַלץ, לעבט מאַן און ווייב געשלעכטליך אָהן ליעבע, אָהן העכערע אינטערעסען און סימפּאַטיען, קען אזא פערבינדונג ניט האָבען קיין קיום. די

געשלעכטליכע צוציהונגס־קראַפט פונ׳ם מאַן און ווייב ווערט מיט דער צייט אָבגעשוואַכט, זיי מוזען פיהלען עקעל איינער צום אַנ־דערען. זיי מוזען זיין פערבונדען איינער מיט׳ן אַנדערען, האָבען אַכטונג איינער צום אַנדערען — אָדער זיי וועלען שנעל פער־פרעמדט ווערען...

געוועהנליך האָט אַ מיידעל דאָס בעדערפניש אין צערטליכקיי־טען. זי איז נאַאיוו. זי בערעכענט ניט, ווי אַזוי איהרע אונשול־דיגע בעוועגונגען וועלען אויסגעטייטשט ווערען. זי קושט אַ מאַן פשוט, ווייל ער געפעלט איהר, אָבער דערביי טראַכט זי גאָרניט וועגען דער געשלעכטליכער פערבינדונג. אָבער ביי׳ם מאַן איז דאָס אַנדערש. ער נעמט אַרום דאָס מיידעל און בענוגענט זיך דער־מיט ניט; ער ווערט פערשכור׳ט, איהם ציהט צום געשלעכטליכען אַקט. דאָס, וואָס ביי׳ם מיידעל קומט אויס גאַנץ נאַטירליך און אונשולדיג, איז ניט אַזוי אין די אויגען פון מאַן. פרעהליכע, לע־בעדיגע מיידלעך מאַכען דעריבער אָפט אַ ניט־געווינשטען איינ־דרוק אויפ׳ן מאַן: אָבער שנעל חאַפּט זיך דאָס מיידעל, אַז מען קוקט אויף איהר מיט צו פערדעכטיגע אויגען און זי ווערט פאָר־זיכטיגער, זי פערפאַנצערט זיך, ווערט שטילער, איינגעהאַלטענער און בעשיידענער. זי בעהאַלט איהרע געפיהלען.

די געזעלשאַפט בעגרענעצט אויך די פרייהייט פון דער פרוי. זי איז געשלעכטליך ניט פריי; דערפאַר האָבען היינטיגע פרויען פערשידענע מעגליכקייטען צו נעמען אַנטייל אין גרויסע, סאָציאַלע בעוועגונגען. די אַמאָליגע אַלטע מויד פערשווינדט. האָט אַ פרוי ניט געקענט ווערען מוטער, קען זי זיין ניצליך דער געזעלשאַפט אַנדערשוואו. נייע פּראָפעסיאָנען, נייע מעגליכקייטען וויקלען זיך פאַנאַנדער פאַר דער פרוי פון היינטיגער צייט, דער געשלעכטליכער אימפּולס ווערט ניט פערלאָרען, ער ווערט נאָר אָבגעצויגען אָן אַ זייט. די אַלטע מויד האָט אַן ארבייט, שפּילט אַ ראָל, קען ניצליך זיין, דעריבער איז זי שוין ניט מעהר דאָס אומגליקליכע, קאַפּרי־ציעזע, קאָמישע בעשעפעניש, וואָס זי איז אַמאָל געוועזן.

דער מאַן פערפאָלגט די פרוי, אָבער ז י קלייבט אויס. ניט יעדער געפעלט איהר. זי האָט איהר קוק, איהרע סימפּאַטיען. איהר בלוט און איהר גאַנצע פערזענליכקייט רעדען קלאָרע דבורים. פאָלגט זייער שטימע דאָס מיידעל? פרעגט זי: איז ער מיר סימפּאַטיש? זיינען מיר אַ פּאָר? צום בעדויערען מוז איך זאָגען, אַז אָפט, זעהר אָפט, פרעגט זי גאָר עפּעס אַנדערעס: צי פער־

דינט ער גענוג ? און דאָס איז א שאַנדע... שולדיג איז דאָס גע־זעלשאַפטליכע סיסטעם. מיר ערנידריגען זיך, מיר פערקויפען זיך אין דער גאַנצער וועלט. א מיידעל האָט חתונה, האָבענדיג אין זין נור איינס : וואו נעהמט מען א גוטען פערדינער ? זי אינטערעסירט זיך ניט מיט'ן געזונדהייטס־צושטאַנד פון איהר צו־קונפטיגען מאַן, פרעגט ניט, צי זיינען זיינע עלטערען פיזיש־שטאַרק געוועזען אָדער האָבען געקענט איבערגעבען זייער זוהן בירושה עפּעס א געפעהרליכע קראַנקהייט. זי וויל ניט וויסען וועגען דעם מאַן'ס פערגאַנגענהייט און טראַכט ניט, אפשר איז ער גאָר קיין פּאָר ניט פאַר איהר. דער מאַן נעהמט זי — איז זי גליקליך און צו־פרידען ; אודאי אַנדערש וועט עס ווערען אין דער צוקונפט. די פרויען דאַרפען נאָר ווערען עקאָנאָמיש־אונאַבהענגיג און זיי זיינען גאָר נייע בעשעפעניזשען. זיי וועלען ניט זיין קיין שפּילצייג מעהר אין די הענד פונ'ם מאַן ; זיי וועלען ווערען פרייע פערזענליכ־קייטען. זיי וועלען נים לאָזען בעהאַנדלען זיך, ווי א זאַך, זיי וועלען פאָדערען זייער רעכט.

נור ניט קיין טעות געהאַט ; ניט אַלץ, וואָס הייסט רעכט, איז רעכט. פרויען, וואָס פאָדערען פּאָליטישע און סאָציאַלע גלייכ־בערעכטיגונג, פערגעהען אָפּט אַזוי ווייט, אַז זיי פאָדערען אויך געשלעכטליכע פרייהייט. זיי ווילען ניט וויסען פון קיין שום צאַמען. מיר ווילען ניט זאָגען קיין דעות דער עלטערער פרוי ; זאָל זי טהון וואָס זי וויל : זי איז אין די יאָהרען, ענטוויקעלט גענוג, זי מעג זיך זוכען איהר גליק אויף איהר אייגענעם וועג, אָבער די יונגערע מיידעל, וואָס איז אונענטוויקעלט, דאַרפען מיר וואָרנען. א שעהן וואָרט איז ליעבע, א הייליג געפיהל איז דאָס געפיהל פון ליעבע, אָבער געדענקט, אַז ניט יעדע געשלעכטליכע לוסט, ניט א יעדער פיזישער אימפּולס איז דאָס, וואָס איהר זוכט. בחורים און מיידלעך אונטערשיידען ניט צווישען געשלעכט און ליעבע. א בחור בעגעגענט א מיידעל, איהם ציהט שטאַרק צו איהר, זיין גאַנצער אָרגאַניזם ציטערט אויף, ער איז אַן אַנדערער געוואָרען, ער איז עפּעס א לייכטערער, א שלאַנקערער, ער לאַכט פרישער, זיין שטימע איז זיכערער, ער איז צערטליכער צו פרויען, געפיהלפולער. ער איז איבערצייגט, אַז ער איז פערליעבט. און פערשטעהט זיך, אויף אייביג. געפעלט ער דער מיידעל, איז ניט שווער איהר איינצורעדען, אַז ס'איז ליעבע. אָבער איז דאָס ליעבע ? ווי אָפּט איז דאָס ניט מעהר, ווי ריינע געשלעכטליכ־

קייט, א שפיל פונ'ם געשלעכטליכען אינסטינקט. גיט נאָך דאָס מיידעל, ווערט זי מוטער. גוט איז איהר, אויב דער מאַן, מיט וועלכען זי האָט זיך בעגעגענט, איז אַן ערלע נאַטור און האָט אַן אמת געפיהל פון ליעבע צו איהר. איז דאָס אָבער א פּשוט'ע געשלעכטליכע פערבינדונג, ווערט די פרוי איהם גיך נמאס. זי זעהט מפיל א פּאָר מאָל, זי איז פערטהון אין די קליינליכע טאָג־טעגליכע אינטערעסען, איהר געשלעכטליכען רייץ האָט זי פערלוירען, — זוכט דער מאַן בעפרידיגונג ערגעץ אַנדערש וואו און דאָס מיידעל ? אָרימע פרוי ! וואָס קען זי איצט טהון ? זי האָט ערוואַכט ; זי האָט נייע געשלעכטליכע בעדערפנישען. די געזעלשאַפט איז געגען איהר ; קיין עקזיסטענץ האָט זי ניט. קיינער זאָרגט ניט פאַר איהר, אויף יעדען שריט האָט פּראָסטיטוציאָן פערשפּרייט איהר נעץ. פאַלט זי אריין אינ'ם נעץ ; געהט אינ'ם געפעהרליכען וועג, פון וועלכען זי וועט שוין ניט אומקעהרען. דאָס איז די לעבענסגעשיכטע פון טויזענדער מיידלעך, וואָס פּראָסטיטואירען זייער ליעב.

דער מענש איז ניט קיין חיה. ער האָט ניט נור אינסטינקטען, ער האָט אויך פערשטאַנד, א ווילען. ער דאַרף ניט נאָכגעבען אַלע זיינע אינסטינקטען, ער קען זיך קאָנטראָלירען, ער מוז זיך קאָנטראָלירען, בעזונדערס די שוואַכע פרוי. זי דאַרף האַלטען אין צוים איהר געשלעכטליכען אינסטינקט, ניט לאָזען זיך פערפיהרען פונ'ם אינסטינקט, וואַרטען, ביז פון דער אינסטינקטיווער נייגונג צו א געוויסען מאַן וועט אויסוואַקסען אכטונג, פערטרויען, אַן אמת גייסטיגע ליעבע צו איהם — די ריינסטע, שטאַרקסטע, הייליגסטע ליידענשאַפט פון א מענשען.

---

## קאַפּיטעל 8.

# ביאָלאָגישעס.

עס איז נויטיג צו געדענקען, אז דער נאַטירליכער צוועק פונ'ם געשלעכטליכען אימפּולס איז דער געשלעכטליכער אַקט ; זיין צוועק ווידער איז רעפּראָדוקציאָן פונ'ם מענש. אמת, גאַנץ אָפט בלייבט דער געשלעכטליכער אַקט רעזולטאַטלאָז אָדער א פרוי ווערט שוואַנגער ניט האָבענדיג געטראַכט דערפון, אז זי געהט האָבען א קינד, אָבער דאָס אַלץ האָט גאָרניט צו טהון מיט'ן זיין

פון'ם געשלעכטליכען פראצעס. ער האט נור אין זין; וואס דער מענש זאל ניט מהון מיט זיינע געשלעכטליכע ארגאנען, האט זיי די נאטור בעשטימט א געוויסע פונקציאן.

ווי דערצעהלט מען אונזערע קינדער וועגען דער דאזיגער פונקציאן? דאס בעסטע, דאס נאטירליכסטע איז צו בעשרייבען זיי, ווי עס פערמעהרען זיך פערשידענע בעשעפענישען. איהר קענט אנהויבען פון די איינפאכסטע און געהען אלץ העכער און העכער, ביז איהר דערגעהט צום מענשען. די קינדער זעהען, ווי דער שמעטערלינג און די ביהן טראגען איבער דעם בלומען־שטויב פון בלום צו בלום מיט'ן צוועק צו בעפרוכטען די מוטערבלום. זיי בעמערקען, ווי הערר און פרוי פראש חאפען זיך אויף פון זייער ווינטערשלאף און געטריבען פון'ם אויפלעבענדען געשלעכטסאינס־טינקט, איילען זיי זיך צום טייך. פאר זיי אין די אויגען לאקט דער זינגדראסעל זיין געליעבטע פונ'ם בוים ארוים און ווי געדולדיג שטעהט ער גאנצע טעג בעשיצענדיג די מוטער, וואס זיצט אויף די אייער. עס איז ניט שווער צו ערקלערען קינדער, וואס קומט דא פאר. די זי־בלום דארף האבען דעם בעפרוכטענדען שטויב און, ווייל זי קען זיך ניט בעוועגען, מוז א דרויסענדיגע קראפט ארי־בערברענגען איהם. אנדערש איז דאס ביי'ם פיש. דער זי־פיש לייגט איהרע אייער אין וואסער, קומט דער ער־פיש און טראגט אריבער די מענערישע פליסיגקייט אין זאמען אריין. הערר פראש איז נאך א גרעסערער מיוחס; ער בעפרוכטעט די אייער, איידער זיי קומען נאך אין וואסער. דער זינגדראסעל שטעהט נאך העכער — ער בעפרוכטעט דאס איי, ווען ס'איז געוועזן נאך אין מוטער'ס לייב, ממש ווי ביי אונז מענשען.

אזוי דערצעהלענדיג די קינדער די וואונדערבארע געשיכטע פון דער פערמעהרונג פון לעבעדיגע בעשעפענישען, גרייטען מיר זיי צו זיי זאלען פערשטעהן דאס וויכטיגסטע, נעמליך ווי מענשען פער־מעהרען זיך.

פריהער פאר אלעמען דארפען מיר וויסען, אז יעדעס אר־גאנישע לעבען איז א געוועב פון צעלען, וואס שטאמט פון איין־איינציגער צעל. דער מענש איז א צעלען־ארגאניזם; אלע צעלען זיינען אין איהם פערבונדען און הענגען אב איינע פון דער אנ־דערער. וואס איז אזוינס א צעל?

א צעל איז א זעהר קליין בעשעפעניש, וואס איהר קענט זעהן

נור דורך א מיקראָסקאָפּ. זי בעשטעהט פון לעבעדיגען שטאָף מיט א קערענדעל אינמיטען. דאָס דאָזיגע קערענדעל איז דער וויכטיגסטער טייל פון'ם צעל. אָן איינפאַכע צעל ענטשטעהט, ווען צוויי צעלען האָבען זיך בעגעגענט און פעראייניגט, אויסמישענדיג זייערע קערנער. האָבען זיי זיך פעראייניגט, קענען זיי זיך איצטער ווידער טיילען. דאָס איז דאָס וואַקסען פון דער צעל, אין דעם בעשטעהט איהר רעפּראָדוקציאָן.

פאַרהאַן צוויי מינים צעלען: די אייער אין דעם ווייבליכען אָרגאַניזם און די ספּערמאַטאָזאָא אין'ם מענליכען.

פון'ם געשלעכטליכען אַקט בלייבט אין דער שייד פון דער געבירמוטער א פליסיגקייט: דאָס איז די מענליכע ספּערמא, דאָס זרע; לויט סוטקאָווסקי'ן האָט אין זיך יעדער אויסגוס פון'ם מענליכען אָרגאַן פופציג מיליאָן ספּערמאַטאָזאָא'ס. אין דערזעלבער צייט, וואָס די מענליכע ספּערמאַטאָזאָא'ס קומען אריין אין דעם געשלעכטס-אָרגאַן פון דער פרוי, ציהען זיך ספּאַזמאָדיש צוזאַמען די מוסקולען פון דער געבירמוטער און אויף אַזאַ אופן זויגען זיי איין א טייל פון דער ספּערמא, וועלכע דער מענליכער אָרגאַן האָט געלאָזען דאָרט.

ווען מען בעטראַכט די מענליכע ספּערמען-צעל אונטער'ן מיקראָסקאָפּ, בעמערקט מען, אַז זי בעשטעהט פון א קאָפּ און אַן עק: דער עק גיט א מעגליכקייט דער צעל צו בעוועגען זיך אין דער ריכטונג, וואו ס'ליגט דאָס איי. די מענליכע צעל איז אַקטיוו; זי יאָגט זיך נאָך דער ווייבערשער צעל. זי וועט איהר האַפּען, אפילו ווען די געבירמוטער זאָל ניט העלפען איהר באַלד אויפ'ן אָרט צו דערגרייכען דאָס איי. די ספּערמען-צעל קען ליגען בעהאַלטען טעגוויז אין דער שייד, סיידען זי ווערט אָבגעוואַשען מיט וואַסער אָדער געטויט מיט גיפטיגע איינשפּריצונגען. קומט אָבער די ספּערמא נאָהענט צום איי, ווערט זי צוגעצויגען צו איהם, ווי צו א מאַגניט. דאָס איי איז גוט בעשיצט אינ'ם אייערשטאָק און ווייטער אויף איהר וועג; זי קען דעריבער פערלאָזען איהרע שוועסטער-צעלען, זי קען זיך פערגינען אוועקגעהן אליין אָהן יעדער בעגלייטונג. די מענליכע צעל, אָבער, האָט אויסצושטעהן מעהר געפאַהרען, זי איז ניט בעשיצט, זי קען לייכט פערלאָרען געהן; דעריבער וואַנדערען די מענליכע צעלען מאַסענווייז; געלינגט נימן איינער צו בעפרוכטען דאָס איי, טהוט עס א צווייטע, א דריטע, א הונדערטסטע. מאַסען מענער-צעלען געהען אַנטקעגען דעם איי,

אבער נור איינע קען אריינגעהן אין איהם, בעפרוכטען איהם. ווי נור דאס קעפעל פונ׳ם מענער־צעל איז אינ׳ם איי, ווערט די גאנצע צעל איינגעשלונגען פונ׳ם איי און קיין שפור בלייבט פון איהר ניט. די דאזיגע פעראייניגונג פון צוויי צעלען איז דאס וואס מען רופט אן בעפרוכטונג, שוועגנגערונג. געוועהנליך פעראייניגען זיך די צעלען אינ׳ם פאלאפיען־רעהר, אבער דארט בלייבט ניט דאס בעפרוכטעטע איי. עס וואנדערט וויטער, ביז עס דערגעהט צו דער געבירמוטער.

איז דאס איי בעפרוכטעט, ליגט זי זיך בעקוועם אינ׳ם ווייכען געוועב פון דער געביר־מוטער, וואס האט זיך צוגעגרייט אויפצונעמען איהר. די פרוי מענסטרואירט שוין מעהר ניט. זי איז שוואנגער. א נייע בעשעפעניש ווערט געבארען. וואונדערבארע ענדערונגען קומען פאר אינ׳ם קליינעם צעל, וואס האט זיך אונבעהאלפען בעהאלטען אין דער געביר־מוטער. דאס איי איז נאך דערווייל אזוי קליין, אז ס׳איז קוים צו זעהן, אבער אין צוויי וואכען ארום איז זי אזוי גרויס ווי אן ארבעס, אין פיער וואכען — ווי א וועלשען־נוס, אין אכט — ווי א ציטרין. זייענדיג אלט אכט וואכען איז דאס עופה׳לע דריי אינטש לאנג און איינגאנצען פארמירט: דער קאפ איז פיעל גרעסער אין פערגלייך מיט די איבריגע טיילען פון קערפער. געשעהן איז אין די פאר וואכען א וואונדערבארע זאך: דאס, וואס דער מענש איז דורכגעגאנגען אין די צעהנדליגער טויזענדער יאהרען פון זיין ענטוויקלונג, ביז ער איז פון א חיה געווארען מענש — די אלע ענדערונגען קומען פאר אינ׳ם עופה׳לע, וואס ליגט אין דער געבירמוטער, אין א זעהר קורצער צייט. ווי נור דאס איי ווערט בעפרוכטעט, הויבט עס זיך אן צו טיילען, פריהער אין צוויי און דערנאך אין פיער, אין אכט, אין זעכצעהן צעלען און אזוי וויטער, ביז די צאהל צעלען ווערט כמעט אונענדליך, יעדענפאלס ניט־צום־איבערצעהלען. יעדע צעל שפאלט זיך אינמיטען פון איהר קערענדעל און אזוי ווערט פון איין צעל נייע צוויי צעלען.

די צעלען־מאסע ענדערט איהר פארם. פריהער איז זי רונד און אויסגעלעדיגט אינוועניג. שפעטער בעגעגענען זיך די צוויי שיכטען צעלען, עפעס אזוי ווי די רונדע מאסע וואלט געפלאצט און דיביידע שיכטען פעראייניגען זיך, ווערען פלאך און ציהען זיך אויס אין דער לענג, ווי א ווארעם. אלעס ווערט איצט קאמפליצירטער; עס בעוויזען זיך ליניען וואס זיינען סמנים פון די שפעטערדיגע מוסקולען, ביינער, רוקען און דארם־קאנאל. עפעס

קלאַפּט גאַנץ שוואַך, ד. ה. דאָס האַרץ הויבט זיך אָן צו ענט־ וויקלען ביי׳ם עופּה׳לע. עס מערקט זיך שוין דער בויג פון קעפּעל; עס צווייגען זיך אָב טיילען — די שפּעטערדיגע הענד און פיס. אויפ׳ן געזיכט זעהט איהר אַ רונצעל און — געשעהן איז דאָס אַלץ אין פיער וואָכען.

איצט געהט דער ענטוויקלונגס־פּראָצעס שנעלער. די ביינער, וואָס זיינען ביז אַהער געווען גאָר וויך, ווערען האַרטער. די אָר־ גאַנען, וואָס האָבען זיך נור אָנגעצייכענט, האָבען שוין בעקומען אַ בעשטימטע פאָרם. צום ענדע פונ׳ם פערטען מאָנאַט האָט אַלעס שוין זיין נאַטירליכע פאָרם; אין די שפּעטערדיגע מאָנאַטען ווע־ רען די אָרגאַנען און טיילען נור שטאַרקער און גרעסער, אָבער די פאָרם בלייבט.

עס דאַרף דויערען פערציג וואָכען, אָדער 280 טעג, ביז דער מענשליכער עמבריאָן ענטוויקעלט זיך אינגאַנצען און דאָס קינד ווערט געבוירען. אמאָל געדויערט עס מיט צוויי וואָכען מעהר אָדער ווייניגער. שרעקען זיך אין אַזאַ פאַל איז ניטאָ וואָס. דאָס איז נאָרמאַל.

ווי אַזוי האָט זיך דאָס קינד גענעהרט די גאַנצע צייט? ווי נור דאָס איי איז בעפרוכטעט געוואָרען און ביז צו דער אַכטער וואָך ווערט עס גענעהרט פון דעליקאַטע, צווייגיגע פעדעמלעך, וואָס דעקען זי איין. די דאָזיגע פעדעמלעך זיינען איינגעגראָבען אין דער געביר־מוטער און נעמען פון דער מוטער׳ס קערפּער די אַלע נויטיגע שטאָפען. ארום דער אכטער וואָך צוזאַמען זיך די פּע־ דעמלעך אין אַ שוואָמיגען געוועב, וואָס איז איבערגעפּילט מיט בלוט־געפעסען. דאָס געוועב איז דאָס אָרט. עס האָט אַ צוויי־ פאַכע ארבייט. עס נעמט זויער־שטאָף און אנדערע ניצליכע שטאָ־ פען פון׳ם מוטער לייב און גיט עס איבער דעם קינד דורכ׳ן נאָפּעל; פון דער אנדערער זייט — נעמט דאָס אָרט די אַלע שעדליכע, איב־ ריגע שטאָפען, וואָס דאַרפען אויסגעשיידט ווערען פון׳ם קינד׳ס אָרגאַניזם, פיהרט זיי אוועק אין׳ם מוטער קערפּער און די מוטער בעפרייט זיך פון זיי דורך דער הויט, נירען און געדערעם. דאָס עופּה׳לע און דאָס אָרט זיינען ביידע איינגעוויקעלט אין אַ זאַק, וואָס טיילט אויס און ענטהאַלט אַ וואַסעריגע פליסיגקייט, אין וועלכער דאָס קינד שווימט. דאָס קינד ליגט מיט די פיסלעך אויפ׳ן בויך, מיט די אָרעמס אויף דער ברוסט און דעם קעפּעל אַביסעל געבויגען איבער דער ברוסט. ווען דאָס קינד האָט זיך



פיגור 2.
דאָס צוויי־מאָנאטליכע עופ׳לע אין דער געביר־מוטער.

שוין ענטוויקעלט, הויבט עס זיך אָן אַביסעל צו בעוועגען. אָפּט ציהט עס זיך אוים אַ ביסעל. דאָס עופּה'לע האָט זיך איהרע צייטען פון רוה, ווען זי ריהרט זיך כמעט ניט, און צייטען פון בעוועגליכקייט. געוועהנליך דערפיהלט די מוטער ערשט אין פערטען אָדער פינפטען מאָנאַט, אַז דאָס קינד ריהרט זיך. אַנדערע אונערפאַהרענע פרויען הויבען דאַמאָלס אָן זעהר צו שרעקען זיך, זיי זאָלען מיט זייערע בעוועגונגען ניט שעדיגען דאָס עופּה'לע. די שרעק איז אַן אומזיסטע. אַבי די מוטער טהוט ניט קיין זעהר שווערע אַרבייט, מעג זי זיין רוהיג. שוין ענדע צווייטען מאָנאַט איז דאָס קינד אינגאַנצען פאָרמירט; די איינדרוקען, וואָס די מוטער האָט איצט, קענען ניט ענדערען דאָס קינד. דאָס האָט שוין אַ בעשטימטע אונדיווידואַליטעט. אזוי ווי אינ'ם קערענדעל פון דער מענליכער ספּערמאַ איז בעהאַלטען אַלץ, וואָס דער פאָטער גיט איבער און קען איבערגעבען בירושה דעם קינד, אזוי זיינען אַלע פיזישע אייגענשאַפטען, וואָס די מוטער האָט געקענט איבערטראָגען אויפ'ן עופּה'לע, שוין געווען פערבאָרגען אינ'ם בעפרוכטעטען איי. פון דעם פאָטער האָט אויפ'ן קינד געקענט איבערגעהן נור דאָס, וואָס איז געווען אינ'ם מענליכען ספּערמאַטאָזאַא, ווען עס האָט בעפרוכטעט דאָס ווייבליכע איי ; קיין ווייטערדיגען אָרגאַנישען איינפלוס אויפ'ן יונגען אָרגאַניזם האָט דער פאָטער נישט.

אינטערעסאַנט איז, אַז קינדער פון די אַזוי־גערופענע גרויסע מענשען זיינען זעלטען העכער פונ'ם דורכשניט אינטעלעקטועל ; דערפאַר אָבער האָבען אַלע גרויסע גייסטער געהאַט אונגעוועהנליכע מוטערס.

אין די לעצטע צייטען האָבען ספּעציאַליסטען פיעל דעבאַטירט וועגען דער פראַגע, קען מען קינסטליך בעשטימען דאָס געשלעכט פונ'ם קינד, וואָס דאַרף געבוירען ווערען, ד. ה. ווירקען, אַז דאָס קינד זאָל זיין מענליך אָדער ווייבליך לויט'ן פערלאַנג פון די עלטערען. מיר מוזען זיך מודה זיין, אַז די וויסענשאַפט האָט אויף דער פראַגע קיין שום ענטפער ניט געגעבען.

האָבען זיך געענדיגט די ניין מאָנאַטען, איז שוין דעם עופּ'לעס ענטוויקלונג אַ פערענדיגטע און דאָס קינד געהט ארוים אין דער וועלט אריין : דאָס קינד ווערט, ווי מען רופט עס אָן, געבוירען. עס טרעפט אָבער, אַז דאָס קינד קומט אויף דער וועלט פאַר דער צייט. אַ מוטער קען מפּיל זיין אַ קינד. די דאָזיגע געפאַהר דאַרף מען האָבען אין זין.

## קאַפּיטעל 9.

# היגיענע פון שוואַנגערשאַפט; אַבאָרטען.

אַ נאָרמאַל קינד מוז אויסטראָגען זיך, ד. ה. אויב עס קומט אויף דער וועלט פאַר דער צייט, איז דאָס ניט גוט. מיר זאָגען געוועהנליך, אַז די פרוי האָט מפּיל געווען אָדער געהאַט אַן אַבאָרט, אויב זי האָט געהאַט דאָס קינד פאַר זיבען מאָנאַטען. אַזאַ עופ'לע קען ניט לעבען קיין מינוט אויסער'ן מוטערליכען לייב. ניט אַזוי געפעהרליך איז, ווען דאָס עופ'לע, וואָס דערזעהט די וועלט פאַר דער צייט, איז עלטער פון זיבען מאָנאַטען. אין אַזאַ פאַל איז דאָ אַ האָפנונג, אַז עס וועט אויסלעבען.

אַ געוועהנליך מיידעל האָט מורא צו רעדען וועגען אַבאָרטירען; זי שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס איז שטענדיג אַ רעזולטאַט פון אַ קרימינעלער אָפּעראַציאָן. דערפאַר אָבער רעדט זי גאַנץ רוהיג וועגען מפּיל זיין, און אין אמת'ען איז צווישען אַבאָרט און מפּיל זיין קיין שום אונטערשיד ניטאָ. ס'איז דאָסזעלבע, נור ווערטער אַנדערע.

מיידלעך רעדען זיך געוועהנליך איין, אַז אויב מען איז מפּיל אין אָנהויב שוואַנגערען, האָט דאָס ניט קיין שלעכטע ווירקונג אויפ'ן געזונד. אַזאַ מיינונג איז אַבסאָלוט אונבעגרינדעט. דאָס, וואָס אַנדערע מאַכען דאָס מפּיל זיין צו קליין געלד, איז זעהר געפעהרליך. מיר דאַרפען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָבמאַכען ביי זיך, אַז קיינמאָל קען דאָס אויסטראָגען אַ קינד ניט זיין אַזוי שעדליך, ווי אַן אַבאָרט. מיר דאַרפען ניט אריינמישען זיך אינ'ם נאַטירליכען גאַנג; האָט אַ פרוי אָנגעהויבען צו טראָגען, איז דאָס בעסטע, דאָס געזונדסטע פאַר איהר אויסצוטראָגען דאָס קינד ביז'ן סוף.

דאָס מפּיל זיין קען ניט זיין אונשעדליך; איין ספּעציאַליסט בעהויפּטעט, אַז מעהר פרויען קרענקען זייער גאַנצען לעבען פון מפּיל זיין, ווי פון קינדער־געבורט. זייענדיג מפּיל פערלירט די פרוי זעהר אָפט צופיעל בלוט, זי ווערט דערפון שוואַך און קען זיך ניט ראַנגלען מיט פערשידענע קראַנקהייטען. דערצו נאָך אַ זאַך: דער אַבאָרט ערשיטערט מעהר דאָס נערווען־סיסטעם, ווי דער נאַטירליכער פּראָצעס. די פרוי בלייבט היסטעריש און שטאַרק נערוועז.

דאָס מפּיל זיין האָט פערשידענע אורזאַכען. ווייל אַ פרוי אויס־

מיידען דאָס, דאַרף זי זיך שטאַרק היטען. זי טאָר ניט אָנשטרענ־גען זיך, ניט טהון קיין שווערע ארבייט, ניט אויפהויבען קיין שווערע לאַסטען. זי דאַרף ניט טאַנצען, ניט שפּרינגען, זעהן נים צו פאַ־לען. יעדע אויפרעגונג איז שעדליך: זי טאָר ניט זיין אומעטיג, ניט כעס׳ן זיך שטאַרק, ניט האָבען קיין פּסיכישע ערשיטערונג. דער עיקר זאָל זי זיין רוהיג. שלעכט ווירקען לאַקסיר־מיטלען און צו אָפטער געשלעכטליכער פערקעהר.

איינער פון די וויכטיגסטע רעזולטאַטען פון אבאָרט איז דאָס, וואָס האָט א פרוי איינמאָל געהאַט אן אבאָרט, קען זי עס האָבען נאָכאמאָל און עס טרעפט, אז זי קען שוין קיינמאָל ניט אויסטראָגען דאָס קינד.

פערשטעהט זיך, אז אויב מיר פּאַסען אויף אויף א פרוי, וואָס האָט מפּיל געווען אזוי שטאַרק, ווי אויף א געווינערין, איז זי אין א קלענערער געפאהר, ווי ווען מיר לאָזען זי אָהן יעדער מעדיציניש־ער הילף.

געוועהנליך בעקלאָגען זיך שוואַנגערענדע פרויען אויף א ניט־גוטקייט. עס איבעלט זיי, עס איז שלעכט אין מויל, זיי הוכט זיך באַלד ברעכען זיי. עס הייסט אָפט: די פריהמאָרגען קראַנקהייט, ווייל געוועהנטליך איבעלט דער פרוי אין דער פריה, ווען זי הויבט זיך אויף פון בעט. די ניט־גוטקייט פיהלט זיך די ערשטע מאָ־נאַטען נור, דערנאָך פערגעהט זי.

ווען עס האַלט שוין ביי׳ם ענדע פערטען מאָנאַט און אָפט ניט פריהער פאַר׳ן פינפטען, דערפיהלט די פרוי די בעוועגונגען פון׳ם עופ׳לע. ס׳איז א גליקליכע מינוט! איצט ווייס זי, אז אלץ געהט גוט. זי איז א ניי־געבוירענע. איין פרוי גיט איבער, אז דער־פיהלענדיג דאָס ערשטע מאָל ווי דאָס קינד ריהרט זיך, האָט זיך איהר געדוכט, אז א „פויגעל ציטערט ביי איהר אין די הענד“.

די שוואַנגערע פרוי ליידט אָפט פון נערוועז; זי האָט קאָפּ־וועהטאָגען, נעווראַלגישע שמערצען, צאָהן־וועהטאָג. כמעט שטענ־דיג אין דער צייט האָט זי א שווערען, פערשטאָפּטען מאָגען און זי דאַרף איהם זעהן האַלטען אין אָרדנונג. עס איז וויכטיג אָבצוהי־טען די צייהן, ווייל אין צייט פון שוואַנגערשאַפט ווערען זיי לייכט פערדאָרבען.

געוועהנליך אין די ערשטע מאָנאַטען פון שוואַנגערשאַפט ווע־

רען די ברוסטען גרעסער; די ברוסט־ציצען ווערען אָנגעשטרענגט און די הויט אַרום דער ברוסט ווערט טונקעל־ברוין.

פון דעם אַלעמען זעהען מיר, אַז די שוואַנגערשאַפט רופט זיך אָב ניט נור אויף דער געבירמוטער, נור אויך אויף אַלע אַנדערע אָר־גאַנען. עס איז קלאָר, ווי וויכטיג עס איז פאַר דער פרוי צו זיין געזונד. פאַקטיש איז יעדעס געוועב אין דער פרוי׳ס קערפּער אונ־טער דער ווירקונג פון דעם שוואַנגערשאַפטס־פּראָצעס.

יונגע פרויען פרעגען אָפט ווי דערקענט מען שוואַנגערשאַפט. דאָס איז ניט שטענדיג לייכט. אויף עטליכע סמנים קען מען אבער פערלאָזען זיך. דאָס זיינען די סמנים: אויב א געזונדע פרוי הערט אויף צו האָבען דאָס מאָנאַטליכע, האָט אַן איבעלקייט אין דער פריה, בעמערקט, אַז די ברוסטען ווערען גרעסער און די הויט ארום די ציצען ווערט דונקעל — איז דאָס א בעווייז, אַז זי שוואַנ־גערט. פערשטעהט זיך, אַז ניט שטענדיג איז דער דאָזיגער דיאַג־נאָז דער איינציג מעגליכער. נערוועזע פרויען קענען ניט האָבען דאָס מאָנאַטליכע, האָבען ענטוויקעלטערע ברוסטען, פיהלען זיך שלעכט אין דער פריה און דאָך זיינען זיי ניט שוואַנגער. איברי־גענס האָב איך אין זין די דורכשניטליכע פרוי און ניט קיין אויס־נאַהמען. אבסאָלוט זיכער קען די פרוי זיין פיהלענדיג, ווי דאָס עופ׳לע ריהרט זיך און הערענדיג זיין האַרץ שלאָגען, דאמאָלס זיינען שוין קיין שום צווייפעל ניט מעגליך.

די יונגע פרויען האָבען אויך צרות מיט׳ן חשבון. ווי בערע־כענט מען, ווען זי וועט געלעגען ווערען? ענטפערען אויף דער פראַגע איז אויך גאַנץ שווער. שטענדיג איז מעגליך צו האָבען א טעות אויף צוויי וואָכען, ווייל זעהר זעלטען קען מען בעשטימט זאָגען, ווען איז די פרוי בעפרוכטעט געוואָרען. אָבער אויב מיר קענען ניט וויסען גענוי דעם טאָג, ווען די געווינערין וועט האָבען דאָס קינד, האָבען מיר אָבער א פּראַקטישען מעטאָד צו דערגעהן אונגעפעהר דעם דאַטום. נעמט דעם דאַטום פונ׳ם ערשטען טאָג, ווען איהר האָט געהאַט דאָס לעצטע מאָל דאָס מאָנאַטליכע, לעגט צו זיבען טעג און רעכענט צו נאָך ניין מאָנאַטען. מיר ווע‌לען גע־בען א ביישפּיל: מיסיס ל. האָט געהאַט דאָס לעצטע מאָל דאָס מאָנאַטליכע אונגעפעהר אָקטאָבער 5; צוגערעכענט זיבען טעג, האָבען מיר אָקטאָבער 12, איצט נאָכאַמאָל צוגעצעהלט ניין מאָנאַ־טען, בעקומען מיר יולי 12. ד. ה. אַז ארום דער דאָזיגער צייט קען

די געווינעריין געלעגען ווערען. עס איז גוט זי זאָל האָבען אַלעס גרייט שוין מיט צוויי וואָכען פאַר'ן צוועלפטען יולי, אַזוי, אַז זי זאָל קענען די לעצטע צוויי וואָכען זיין די גאַנצע צייט אויף דער פרישער לופט.

א שוואַנגערע פרוי דאַרף ווענדען פיעל אויפמערקזאַמקייט אויף איהרע קליידער. זי דאַרף טראָגען איינפאַכע, וואַרימע קליידער; קיין שום קאָרסעטען ניט, קיין ענגע שיך, קיין הויזען־בענדער, קיינע רונדע גאַרטלען — מיט איינעם וואָרט, מיידט אויס אַלעס, וואָס שטערט דער בלוט־צירקולאַציאָן פון וועלכען עס איז טייל פון קערפער. די קליידער דאַרפען זיין וואָס פרייער. בעסער איז צו טראָגען קאָמבינאַציאָנס־אונטערוועש. מיידט אויס יעדען דרוק אויף די געשלעכטליכע טיילען פון אויבען. די קאָרסעטען ברענגען גרויסען שאָדען, סיי דעם קינד, סיי די אָרגאַנען פון דער מוטער. די מוסקולען פון דער געבירמוטער אין בויך ווערען אָבגעשוואַכט. עס איז איבריג צו זאָגען, אַז דאָס איז ניט גוט. אַנדערע פרויען האָבען ליעב צו טראָגען די לעצטע טעג פון שוואַנגערשאַפט א בויך־גאַרטעל; אויב אַזאַ גאַרטעל איז צוגעפּאַסט צום קערפּער, ווערט די מוסקולען פונ'ם בויך לייכטער צו טראָגען די גרויסע לאַסט און די פרוי פיהלט זיך בעסער. אויב פרויען וואָלטען אַזוי פיעל געטראַכט וועגען זייערע בעקוועמליכקייטען אין דער שוואַנגערשאַפט־צייט, וויפיעל צייט זיי גיבען אָב דעם גאַרדעראָב פונ'ם קליינעם בעשעפעניש, וואָלט עס זיי שטאַרק צוניץ געקומען. און דעם קינד אויך! צו וואָס דאַרפט איהר די אַלטמאָדישע, אָבגעטראָגענע, ענגע קליידער, אַז איהר קענט זיך לאָזען נעהן א ספּעציעל בעקוועם קלייד, וואָס זאָל זיין אויף אייער מאָס? דער שטאָף דאַרף ניט זיין קיין צו טייערער, אַבי א לייכט, בעקוועם קלייד!

עסען דאַרף א שוואַנגערע פרוי נור דאָס איינפאַכסטע, קיינע ספּעציעלע שפּייזען. די שוואַנגערע פרוי מעג עסען אַלץ, סיידען א דאָקטאָר פערבאָט איהר געוויסע זאַכען עסען. געוועהנליך מיינען פרויען, אַז זיי דאַרפען עסען פאַר צווייען, עסען זיי זיך איבער און פערדערבען זיך דעם מאָגען. בעסער איז עסען אַביסעל פלייש איין מאָל א טאָג; דערפאַר וואָס מעהר וואַסער, מילך, גרינוואַרג און בעזונדערס פרוכטען, וואָס ערלייכטערען די פערדייאונג. קיין פעטס און קראָכמאַל־שטאָפען דאַרף די שוואַנגערענדע פרוי ניט עסען, ווייל ס'איז שווער זיי צו פערדויען. זי דאַרף יעדען טאָג

מאכען אביסעל בעוועגונג, אבער ניט אנשטרענגען זיך דערביי. דאס בעסטע איז געהן שפאצירען אויף דער פרייער לופט אין זון־שיין. מיידט אוים דאס טאנצען, דאס שווימען, און יעדע אנשטרענגענדע ארבייט. נעהן אויף דער מאשין מעג זי, אבער וואס וועניגער. דאס, וואס שוואנגערע פרויען חלש'ען אין די ערשטע מאנאטען נעמט זיך אפט פון א לעדיגען מאגען און פון זיצען אין שלעכטער לופט אין א שטארק אנגעהייצטען, שלעכט ווענטילירטען צימער. איצט איז אנגענומען, אז די מוטער טאר ניט טרינקען קיין אלקאהאלישע געטראנקען.

א שוואנגערע פרוי דארף זיין פיזיש און גייסטיג אקטיוו, אבער זעהן ניט מיד ווערען. זי דארף זיך ניט שרעקען פאר די אלע אבערגלויבישע איינרעדענישען, מיט וועלכע אלטמאדישע ווייבער וועלען איהר פערדרעהען דעם קאפ. זאל זי וואס וועניגער טראכטען וועגען איהר שוואנגערשאפט און דעם קריטישען מאמענט, זיין פרעהליכער, אויפגעלעגטער, וועט אלעס זיין גוט.

די פרוי האט שוין געהאט דאס קינד; די געבירמוטער ווערט איינגעשרומפט, עס איז וויכטיג, אז אין משך פון די זעקס וואכען, ביז די געבירמוטער נעמט אן איהר געוועהנליכע פארם, זאל די פרוי ניט הויבען קיין שווערע זאכען און ניט איבערארבייטען זיך. געוועהנליך ווערט די פרוי נאכ'ן שוואנגערשאפט עלטערער, רייפער, איהר געזיכט איז עפעס אנדערש געווארען; עס האט אן אויסדרוק פון גוטסקייט און מוטערליכקייט. די פרוי רופט זיך איצט שטארקער אב אויף שמערצען, צרות, זי האט מעהר ליעבע צו מענשען און מעהר סימפאטיע מיט אומגליקליכע. קערפערליך און גייסטיג האט זיך די פרוי געענדערט.

ווילען מיר האבען גוטע מוטערס, מוזען מיר אנהויבען גאר פריה. ערציהט דאס קליינע מיידעל, ענטוויקעלט איהרע ארגאנען, עפענט איהר די אויגען, גרייט איהר צו צו איהר גרויסער, הייליגער מיסיאן!

---

### קאפיטעל 10.

## געשלעכטליכע ענטהאלטזאמקייט.

ווערט דאס איינגעל געשלעכטליך רייפער, איז ער אין א גרויסער געפאהר, אז די נאהעטסטע מענשען זאלען איהם ניט פער־

פיהרען; די מיידעל איז ניט אין אזא געפאהר. איהר וועלען די עלטערען, פערשטעהט זיך, ניט געבען אזעלכע עצות, ווי דעם אינגעל.

די צרה איז, וואָס די עלטערען האָבען א פאַלשע אידעע, אז אויב דאָס אינגעל האָט פּאָלוציאָנען, מוז ער האָבען געשלעכטליכע פערבינדונגען; אז ניט, וועט ליידען זיין געזונדהייט.

און דער אמת איז, אז מיט דער צייט ווערען די דאָזיגע נאַכט-פּאָלוציאָנען אלץ זעלטענער און אויסערדעם זיינען זיי גלאַט ניט שעדליך. אפילו היינטיגע צייטען ווייסען דאָס נישט אונזערע מוטערס; אַנדערע ווייסען, אָבער מאַכען א שוויַיג. מיר קענען ניט האָבען קיין טענות צו די אַמאָליגע מוטערס, פאַרוואָס זיי האָבען ניט דערצעהלט זייערע זיהן וועגען זייער געשלעכטליך לעבען; מייסטענטיילס האָבען זיי אַליין וועגען דעם גאָרניט געקענט זאָגען זיי, אפילו ווען זיי וואָלטען געוואָלט מיט זיי רעדען. די מוטערס, ווי די קינדער, האָבען ניט געהאַט קיין שום בעגריף וועגען די געשלעכטליכע פונקציאָנען פון דעם קערפּער; זיי האָבען ניט געפרעגט קיין קשיות; זיי האָבען געגלויבט די דאָקטוירים. זיי האָבען גערעכענט, אז דאָס איז דעם דאָקטאָר'ס זאַך. ער בעפעהלט און זיי דאַרפען פאָלגען. צום גליק ענדערט זיך איצט די לאַגע. די געהיימניסען פונ'ם מענשליכען קערפּער, וואָס זיינען הונדערטער יאָהרען פערטרויט געווען נור מענשען פון דער מעדיצינישער פּראָפעסיאָן, זיינען שוין איצט מעהר קיין געהיימניסע נישט. עס ווערט דערצעהלט, אז אין יאַפּאַן און כינא איז דעם דאָקטאָר'ס פליכט צו זעהן דער פּאַציענט זאָל זיין שטענדיג געזונד און צאָהלען צאָהלט מען איהם נור אינ'ם פאַל, ווען ער איז אין א גוטען געזונדהייטס-צושטאַנד.

אַבי מען בעשולדיגט די יאַפּאַנעזער אין באַרבאַרישקייט!

ערשט מיט עטליכע וואָכען צוריק האָב איך גערעדט מיט א פרוי וועגען איהר עלטסטען זוהן: ער איז געווען קראַנק פון צופיעל אַרבייט און שלעכטען עסען. איהר איז ניט געפעלען מיין ערקלערונג. שטילערהייט האָט זי מיר איינגערוימט א סוד, אז ער איז שוין אַלט זעכצעהן יאָהר און „דאַרף א פרוי". איך האָב זיך צורעדט מיט איהר און דערוואוכט זיך, אז זי האָט געהאַט א געשפּרעך מיט'ן מאַן און ער האָט דעם אינגעל געזאָגט, אז „ווען ער וועט נור דאַרפען א פרוי, זאָל ער איהם זאָגען, וועט ער איהם גע-

בען געלד". שטעלט זיך פאר, ווי קען שוין דאס אינגעל קוקען איצט אויף א פרוי! היינט די ווענערישע קראנקהייטען! די על־טערען האבען אודאי ניט געוואלט טהון קיין שלעכטס דעם קינד זייערען. זיי האבען געהאט די בעסטע כונות. זיי האבען געגעבען די בעסטע עצה — פון ז י י ע ר שטאנדפונקט. ניט פון אונזע־רען, פערשטעהט זיך!

אפילו געבילדעטע מענשען האבען דעם טעות מיינענדיג, אז די געשלעכטליכע ארגאנען ווערען אבגעשוואכט, אויב זיי ווערען ניט גענוצט אין דער יוגענד. די בעסטע אויטאריטעטען זיינען געגען דער מיינונג. אלעמען איז בעקאנט, אז די וויכטיגסטע געשלעכטלי־כע ארגאנען זיינען דריזען, וואס זיינען ענליך צו די טרערען־דריזען אין די אויגען אדער די מילך־דריזען פון דער ברוסט. א מענש מעג ניט וויינען יאהרען גאנצע און דאך אטראפירען זיך ניט די טרערען־דריזען.

שטארק איינגעווארצעלט איז אויף דער געדאנק, אז דער גע־שלעכטליכער אינסטינקט איז אזא אינסטינקט, ווי הונגער, דורשט; בעפרידיגט איהר ניט אייער דורשט, בלייבט איהר הונגעריג — פערטראגט עס ניט אייער ארגאניזם, איז ער אין געפאהר. דאס אלץ זיינען בבא־מעשיות. דער געשלעכטליכער אינסטינקט איז ניט אזוי טיראניש, ווי די אנדערע. קען א מיידעל ביז דער חתונה לעבען אהן בעפרידיגונג פון איהר געשלעכטליכער תאוה, פארוואס זאל דאס א בחור ניט קענען? זיי זיינען די זעלבע מענשען. אלע אויטאריטעטען בעהויפטען, אז דאס, וואס א מאן האלט זיך אב פון געשלעכטליכען פערקעהר, שאדט ניט זיין געזונדהייט. נור וואס דען? צו פרויען זיינען מיר שטרענג, און צום מאן — ווייך. דער פרוי ערלויבען מיר גארנישט, איהם — אלעס. דער עיקר איז דא די שולד פון די פרויען. זיי האבען זיך איינגערעדט, אז זיי טארען ניט און דער מאן מעג. אבער וואס וועיטער ווערען פרויען אויף שטרענגער; זיי הויבען אן צו פאדערען פון׳ם מאן דאס זעלבע, וואס מענער פאדערען פון זיי.

האטשינסאן זאגט: די שטארק פערשפרייטע איבערציי־גונג, אז דאס פונקציאנירען פון די געשלעכטליכע ארגאנען אויף אין דער יוגענד איז אונבעדינגט נויטיג פאר׳ן מאן, איז א פאלשע. איך מוז זאגען, אז יעדעס געשלעכטליכע לעבען איידער דער אר־גאניזם ווערט אינגאנצען רייף, איז זעהר שעדליך פאר איהם.

ראָגלס ערקלערט, אַז געשלעכטליכע ענטהאַלטזאַמקייט איז אין האַרמאָניע מיט פולשטענדיגער געזונדהייט און ניט נור וואָס זי שוואַכט ניט אָב די מענליכקייט, נור זי פערשטאַרקט זי נאָך.

די אַלטע טעווטאָנען האָבען דאָס שוין געמוזט וויסען מיט הונדערטער יאָהרען צוריק. זייערע יונגע לייט האָבען ביז זעקס־און־צוואַנציג יאָהר ניט געוואוסט פון קיין געשלעכטליכען לעבען און דאָך זיינען זיי געווען פיזיש־שטאַרק, מוטיג און מענליך. זיי האָבען, ווייזט אויס, געאהנט, אַז אַ מאַן איז פאַר 26 יאָהר נאָך ניט גענוג רייף געשלעכטליך.

די סטאַטיסטיק ווייזט, אַז פון יעדע הונדערט מענער, וואָס נעמען זיך אָן מיט ווענערישע קראַנקהייטען (וועלכע זיינען דער רעזולטאַט פון געשלעכטליכען פערקעהר) זיינען פינף־און־זעכציג אַלט צווישען 15 און 21 יאָהר, און פינף־און־צוואַנציג זיינען אַלט פון 21 ביז 23 יאָהר. זאָל די יוגענד ניט נאָכגעבען איהרע אינסטינקטען און פון ווענערישע קראַנקהייטען וועט גיך ווערען אַ סוף.

אין זיין „געשיכטע פון פּראָסטיטוציאָן" בעווייזט סאַנגער, אַז דריי־אַכטלען פון די גאַסען־פרויען אין ניו־יאָרק הויבען אָן פּראָסטיטוירען נאָך איידער זיי זיינען אַלט צוואַנציג יאָהר. דער פּראָצענט מוז פאַקטיש זיין אַ גרעסערער, ווי מיר זעהען עס אין שיקאַגאָ און אַנדערע שטעדט, וועלכע זיינען אויסגעפּאַרשט געוואָרען אין דעם זין. אַז מען בעטראַכט די דאָזיגע ציפערען און די סטאַטיסטיק פון ווענערישע קראַנקהייטען, מוז מען קומען צום שלוס, אַז אין דער גרעסטער געפאַהר זיינען בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבען נאָך ניט דערגרייכט קיין רייפקייט. זיי קענען נאָך ניט קאָנטראָלירען זייערע ליידענשאַפטען, זיי פערטראַכטען זיך ניט, ווייסען ניט ווי גרויס די געפאַהר איז און פאַלען אַן אָפּפער פון זייער אונוויסענהייט און ניטבעדראַכטקייט.

שאַסעניאַק איז איבערצייגט, אַז וואָס געזונדער און נאָרמאַלער אַ מענש איז, אַלץ לייכטער איז איהם האַלטען אין צוים זיינע ליידענשאַפטען. ווי אָפט בעשליסען מענער צו בלייבען געשלעכטליך־ריין, ביז זיי וועלען זיך בעגעגענען מיט זייער בעשערטער און האָבען זיי אַביסעל כאַראַקטער, האַלטען זיי זייער „נדר". נעמט אַטלעטען, ספּאָרטסמענען; פון זייער פּראַקטיק ווייסען זיי, אַז די געשלעכטליכע לוסט שטערט זיי אין זייער אַרבייט, האַלטען זיי זיך אָב פון געשלעכטליכען לעבען אָהן יעדען שאָדען פאַר'ן געזונד.

יעדע מיידעל דאַרף קוקען אויפ'ן מאַן, וואָס „לעבט אַ טאָג"

מיט א פעראכטונג. זי דארף פערשטעהן, אז אן אויסגעלאסענער מאן איז ערגער פון אן ארעמער מיידעל, וועלכע איז געצוואונגען לעבען אויסגעלאסען פון נויט. זאל די פרוי פאדערען מעהר פונ'ם מאן, וועט ער ווערען בעסער, ריינער. זאלען אונזערע עלטערען זיין שטרענגער, וועלען זיי די קינדער זיין דאנקבאר. ניט וועקען און שטארקען דעם יצר הרע דארפען זיי, נור דערשטיקען זיין קול, ניט לאזען איהם אויפהויבען א קאפ.

אבער די עלטערען זיינען אונוויסענד און די דאקטוירים שווייגען — און דערווייל פערשפרייטען זיך שרעקליכע קראנקהייטען אלץ מעהר. מיט עטליכע יאהר צוריק האט ד"ר מאראו ערקלערט, אז געשלעכטליכע קראנקהייטען זיינען שטארקער פערשפרייט צווישען אונשולדיגע מוטערס פון פאמיליען, ווי צווישען גאסען־פרויען. די געשיכטע איז פערשוויגען געווארען. עס איז געבליבען ערגעץ פערשריבען, פראטאקאלירט, די ספעציאליסטען האבען זיך ניט געוואונדערט, זיי ווייסען דאס שוין פון לאנג און דער גרויסער עולם איז ניט אויפגעציטערט געווארען פון דער דאזיגער ערקלערונג פשוט דערפאר, וואס זי איז צו איהם ניט דערגאנגען. דער עולם איז דאך א גולם. דער עולם טאר ניט וויסען אזעלכע זאכען.

עס ווערט בעהויפטעט, אז פון יעדע טויזענד פערהייראטע מענער אין ניו־יארק האבען אכט־הונדערט גאנארעא און ניינציג פראצענט פון זיי האבען זיך ניט אויסגעקורירט און קענען אנשטעקען זייערע פרויען. דער רעזולטאט איז, אז פון יעדע פ י נ ף פערהייראטע פרויען אין ניו־יארק האבען ד ר י י גאנארעא. איהר וועט זאגען, אז דאס איז אן איבערטרייבונג, א ליגען, א אונמעגליכקייט, וועל איך אייך ברענגען די ווערטער פון א גרויסען אוטאריטעט: איבער 90% פון אונזערע יונגע לייט האבען פאר דער חתונה געשלעכטליכע פערבינדונגען; 60% פון זיי נעמען זיך אן מיט געשלעכטליכע קראנקהייטען, וועלכע עס איז שווער צו היילען; מעהר ווייבער ווי גאסען־פרויען האבען ווענערישע קראנקהייטען; אן אכטעל פון אלע קראנקע אין די ניו־יארקער האספיטעלער זיינען ווענעריש קראנק; 20,000 קראנקע פראסטיטואירענדע פרויען געהען ארום איבער די גאסען טעגליך.

הערענדיג אזעלכע ווערטער, בלייבט ביי אונז שוין קיין שום ספק ניט, אז די ווענערישע קראנקהייטען זיינען א צרה און א גרויסע, מיט וועלכער מיר דארפען קעמפפען.

## קאַפּיטעל 11.

# גאָנאָרעע.

גאָנאָרעע איז ניט אזא געפעהרליכע קראַנקהייט, ווי סיפּיליס, אָבער זי איז געפעהרליך. אַמאָליגע צייטען האָבען זיך אַלע אויס־געלאַכט פון גאָנאָרעע. אויך מיר אַ קראַנקהייט! מען האָט זי בעטראַכט פאַר אַ קליינעם קאַטאַר, אַ קלייניגקייט. איצט פער־שטעהען מיר די זאַך בעסער.

גאָנאָרעע איז אַן ענטצינדונג פון'ם אורינען־קאַנאַל, ד. ה. פון יענעם קאַנאַל, איבער וועלכען עס פליסט דאָס וואַסער, וואָס מיר לאָזען אַרויס. די סימפּטאָמען זיינען פאָלגענדע: אַ רויטקייט, אַן אָנגעשוואָלענקייט, אַ בייסענדיגער שמערץ בשעת'ן וואַסער־לאָזען און דערביי פליסט פונ'ם אָרגאַן אַ דיקע, אייטעריגע, גיפטיגע פליסיגקייט, וואָס איז אין אָנהויב קרעם־פאַרביג און שפּעטער צו גרינליך־געל.

די גרעסטע אויטאָריטעטען בעטראַכטען די קראַנקהייט פאַר אַ ריין געשלעכטליכע. זיי רעכנען, אַז די קראַנקע שטעקען זיך אָן מיט גאָנאָרעע, נור פערקעהרענדיג געשלעכטליך. פערשטעהט זיך דאָס ערקלערט ניט די גאָנאָרעע ביי קינדער; זיי האָבען דאָך ניט קיין געשלעכטליכען פערקעהר; זיי נעמען זיך אָן פון זייערע מו־טערס, אָדער אַמען אָדער דינסטמיידלעך, אָדער ווען זיי ריהרען זיך אָן אין אינפיצירטע זאַכען און ערטער.

אַמאָל האָט מען געמיינט, אַז גאָנאָרעע האָט צו טהון מיט'ן מאָנאַטליכען ביי פרויען. קיין ריכטיגע ערקלערונג איז דאָס ניט געווען. אַן אמת'ע ערקלערונג פון די אורזאַכען פון דער קראַנק־הייט האָט געגעבען ד"ר נייסער אינ'ם יאָהר 1879: ער האָט ענט־דעקט דעם מיקראָב, וואָס רופט אַרויס די קראַנקהייט. ער האָט איהם אַ נאָמען געגעבען: גאָנאָקאָק... איצט ווייסען מיר, אַז האָט אַ מענש גאָנאָרעע אָדער ליידעט פון איהר כראָניש איז דאָס דער־פאַר, וואָס אין זיין אָרגאַניזם האָבען זיך אַריינגע'גנב'ט אָדער ליגען פון אַמאָל בעהאַלטען גאָנאָקאָקען.

מיר טרייבען ניט איבער זאָגענדיג, אַז ניט ווייניגער פון 50% פון דער בעפעלקערונג (ניט גערעכענט קיין קינדער) אין די פער־אייניגטע שטאַאטען, האָט אַמאָל געליטען אָדער ליידט איצט פון

גאַנגרענע. מענער זיינען מעהר אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקהייט, ווי פרויען.

האָט זיך אַ מענש אָנגענומען מיט גאַנגרענע, וועלען זיך די סימפּטאָמען באַווייזען אין דריי־פיער טעג אַרום, שפּעטעסטענס אין אַ וואָך אַרום. ווערט ער געהיילט ווי עס דאַרף צו זיין, פערשווינדען די סימפּטאָמען אין זעקס—אַכט וואָכען אַרום.

עס איז נויטיג וואָס גיכער צו לויפען צו אַ גוטען, ערליכען דאָקטאָר. וואָס גיכער איהר פערכאַפּט די קרענק, אַלץ שנעלער וועט זי פערגעהן. דער קראַנקער דאַרף זיך היטען אָבער פאַר שאַרלאַטאַנען, פאַר מענשען, וואָס רעקלאַמירען זיך אונפערשעמט, וואָס זאָגען צו גליקען, וואָס היילען אַלע קראַנקהייטען געשווינד און טאַקי באַלד אויפ'ן אָרט. טויזענדער יונגע לייט ווערען פערנאַרט פון אַזעלכע שאַרלאַטאַנען. זיי היילען אויס די קראַנקהייט נור אָבערפלעכליך. דער פּאַציענט איז צופרידען: קיין פליסיגקייט, קיינע סימפּטאָמען, הייסט עס ער איז געזונד, אָבער דער אונערליכער דאָקטאָר האָט נור פערטריבען די מיקראָבען אינ'ם אָרגאַניזם אריין: זיי בעהאַלטען זיך ערגעץ אין די געוועבען, דרינגען אריין אין די נירען, האַרץ, געלענקען און אפילו אין געהירען אריין, פון דרויסען איז דער מענש געהיילט; אָבער אינווענינ אין די געוועבען ליגען זיי, אָפּט יאָהרענווייז, די שעדליכע מיקראָבען. זאָל נור דאָס געוועב אָדער אָרגאַן ווערען אָבגעשוואַכט, ענטצונדען, און די דאָרט בעהאַלטענע גאָנאָקאָקען וועלען ווערען אַקטיוו: די אַלטע גאָנאָרעע וועט זיך אָברופען. אין דערזעלבער ריכטונג ווירקען אויך אַלקאָהאָלישע געטראַנקען און צו אָפטער געשלעכטליכער פערקעהר.

פרויען ליידען ניט ווענינ פון גאָנאָרעע; מייסטענטיילס בעזעצען זיך די גאָנאָקאָקען אין דעם נאַקען פון דער געבער־מוטער און אינ'ם אורינען־קאַנאַל. זעהר אָפּט האָט די פרוי קיין אהנונג ניט, אַז זי איז קראַנק. אַזוי קען אַוועקגעהן אַ צייט און זי זאָל דערווייל, ניט פערדעכטיגענדיג גאָרנישט, איבערגעבען די קראַנקהייט אַ וועלט מיט מענשען, פאַראויסגעזעצט, אַז זי איז אַ גאַסען־פרוי. דער מאַן, אָבער, ווייס שטענדיג, אַז מיט איהם איז עפּעס דער מעהר. ער איז אַ פערברעכער, אויב ער פערלאָזט די קראַנקהייט און נאָך אַ גרעסערער, אויב זייענדיג קראַנק, פערקעהרט ער מיט פרויען.

ווערען פון גאָנאָרעע אָנגעשטעקט די געשלעכטליכע אָרגאַנען

פון דער פרוי — די געביר־מוטער, דער אייערשטאָק — קען דאָס פערשטאָפּען די פאַלאָפּיען־רעהרען און שטערען דער בעפּרוכטונג פון'ם פרויען־איי, ד. ה. די פרוי ווערט אונפעהיג צו האָבען קינדער. עס איז אַ סברה, אַז מעהר ווי אַ דריטעל פרויען זיינען קינדערלאָז צוליעב דער גאָנאָרעע, וועלכע זיי האָבען בעקומען אַ מתנה פון זייער מאַן. דער מאַן קען אויך ווערען אונפעהיג צום געשלעכט־ליכען לעבען פון גאָנאָרעע.

האָט זיך די קראַנקהייט איבערגעטראָגען אין די געשלעכטס־אָרגאַנען, קענען די אָרגאַנען ווערען כראָניש ענטצונדען, סיידען מען פערהאַפּט באַלד. די כראָנישע גאָנערעע איז אַ שווערערע קראַנק־הייט, ווי די אַקוטע; איהר איז שווערער בייצוקומען; אין מייסטע פאַלען מוז די פרוי זיך לאָזען אָפּערירען.

איהר בעגעגענט מאַסען פרויען, וואָס קלאָגען זיך, אַז זיי האָ־בען ניט געהאַט קיין איין פרעהליכען טאָג זינט דער חתונה. איהר ווילט וויסען: פאַרוואָס? עס איז ניט שווער צו זאָגען פאַרוואָס: זיי מוזען ליידען פון גאָנאָרעע.

אינטערעסאַנט איז, אַז אָפט האָט אַ מאַן גאָנאָרעע און ווייסט דערפון ניט. עס טהוט איהם גאָרניט וועה, ער קומט זיך צונויף מיט'ן ווייב, מיט אַ געזונדען, ציכטיגען פרויענצימער, שטעקט איהר אָן מיט גאָנאָרעע, האָט ווייטער מיט איהר פערבינדונגען, און איצט גיט זי איהם שוין איבער די קרענק, מיט וועלכער ער האָט איהר אָנגעשטעקט. האָט דער מאַן פריהער ניט געפיהלט קיין וועהטאָג, הויבט ער איצט אָן צו פיהלען אַ וועהטאָג; די בעהאַל־טענע קראַנקהייט איז געוואָרען אַקטיווער. ער האָט זיך אָנגענומען פון זיין אייגענער פרוי און דער שולדיגער איז ער אַליין. מייסטענס מיינען מענער, אַז זיי זיינען געהיילט, ווייל די דרויסענדיגע סימפּ־טאָמען זיינען פערשוואונדען, קיין שמערצען האָבען זיי ניט, די פליי־סיגקייט געהט מעהר ניט, אָבער דאָס איז אַן איינרעדעניש! מע־נער דאַרפען זיין פאָרזיכטיגער.

אַ בעריהמטער לעקטאָר האָט ניט לאַנג ערקלערט אין אַ לעק־ציע, אַז אויב דער געליבטער, דער צוקונפטיגער מאַן דערצעהלט אַ מיידעל, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט אַ ענטצינדונגס־רעוומאַטיזם פון די געלענקען זאָל זי ניט וואַגען חתונה צו האָבען מיט דעם מאַן, איידער ער וועט זיך זעהן מיט אַ ספּעציאַליסט. ער האָט דאָס אַזוי פאָרמולירט: קיין יונגער מאַן דאַרף ניט האָבען קיין ענטציג־

דונגס־רעוומאטיזם. האט ער עס, איז דאס פערדעכטיג. אנדערע אויטאריטעטען גהעען ניט אזוי וויט, אבער אלע זיינען מודה, אז מייסטענטיילס איז אן ענטצינדונגס־רעוומאטיזם א סמן פון גאָ־נאָרעע.

נאך א שרעקליכען רעזולטאט האט גאנאָרעע: א פרוי איז גליק־ליך, זי האט געהאט די קראנקהייט, זיך אויסגעהיילט, טראגט אויס א קינד, אבער ווי אפט ווערט זי פערצווייפעלט, דערזעהענדיג, אז די געפעהרליכע פליסיגקייט האט אנגעריהרט די דעליקאטע אויגען־הייטעל פונ'ם קינד. אויב מען נעמט ניט אן קיין מיטלען באלד, קען דאס קינד בלינד ווערען. איבער 80% בלינדע עופּה־לעך זיינען געוואָרען בלינד פון דער מוטער'ס גאנאָרעע. היט איי־ערע קינדער!

א גליק איז וואס די גאנאָקאקען קענען ניט לעבען לאנג אויסער זייער נאטירליכער סביבה; זיי ווערען אויסגעטריקענט שנעל און געוויסע לעזונגען פון ביכלאריד און פערמאנגאנאט פון פאטאש טוי־טען די געפעהרליכע ארגאניזמען.

וואס דארף טהון א מענש, וואס איז קראנק געוואָרען אויף גאנאָרעע? ניט שרעקען זיך, נור הערען וואס זיין דאקטאר זאגט איהם, פאלגען זיין ראטה; רוהען וואס מעהר, אבזאגען זיך פון אלקאהאלישע געטראנקען, ניט עסען קיין שארפע שפייז, ניט אויפ־רעגען זיך געשלעכטליך. וועט ער דאס טהון, וועט ער זיך אויס־היילען.

איז דא א מעגליכקייט זיך אויסהיטען פון דער קראנקהייט? יא און ניין. קיין מעגליכקייט, אויב דער מאן האט צו טהון מיט פערשיעדענע פרויען. דאס איינציגע, וואס קען אמאל פערהיטען פון גאנאָרעע איז לעבען מיט אן אנשטענדיגער ווייב און אבזאגען זיך פון יעדען אנדערען געשלעכטליכען פערקעהר, סיי פאר דער חתונה, סיי נאך דער חתונה.

עס ווערט דערצעהלט, אז ווען מען האט געפרעגט א יונגען אירלאנדישען דאקטאר, ווי היילט ער גאנארע, האט ער געענטפערט: מ י ט פ ע ר א כ ט ו נ ג. דאס איז מעהר ווי אן אנעקדאט. א לאנגע צייט האט מען זיך פון דער קראנקהייט ניט געמאכט. האט זיך אבער די וועלט דערוואוסט, אז טויזענדער מענשען, בעזונדערס פרויען, נעמען זיך אן מיט דער קראנקהייט גאנץ אונשולדיג, ניט וויסענדיג ווי עס קומט צו זיי — און די בעציהונג צו דער קראנק־הייט האט זיך געענדערט. מיר, פרויען, האבען א רעכט צו שטעלען

פאָדערונגען דעם שטאַאַט. ער סאַנקציאָנירט די הייראַט און גיט דער פרוי קיין שום גאַראַנטיען ניט, אז די הייראַט וועט ניט זיין פאַר איהר אַן אומגליק. די רעגירונג אַנערקענט פּראָסטיטוציאָן, קאָנטראָלירט זי, לאָזט אונטערזוכען גאַסען־פרויען אין די אינטערעסען פון דעם מאַנ׳ס זיכערקייט. אָבער בעשיצט די רעגירונג די פרוי אזוי, ווי זי בעשיצט דעם מאַן ? די גאַסען־פרוי דאַרף זיין געזונד, נו און יענער, וואָס געהט צו דער גאַסען־פרוי, ער מעג זיין קראַנק ? זי טאָר איהם ניט אָנשטעקען, אָבער ע ר מעג ז י יאָ אָנשטעקען ? דאָס געזעץ בעשיצט ניט די שוואַכע פרוי. פרויען זיינען אָפּפער פון׳ם מאַנ׳ס זינד. און דאָס איז רעכט ביי די פערטרעטער פון דער היינטיגער אָרדנונג, דאָס הייסט „בעשיצען די פאַמיליע“.

ד״ר דזשיימס ס. וואוד דערצעהלט פון א זעהר אינטערעסאַנטען פאַל פון זיין פּראַקטיק : עס קומט צו איהם א פרוי, א דערשלאָגענע, א אומגליקליכע. זי איז פערהייראַט שוין פינף יאָהר : אַלט איז זי איינגאַנצען 25 יאָהר, און זעהן זעהט זי אויס פערעלטערט, צובראָכען. איהרע געשלעכטליכע אָרגאַנען זיינען אין א רואינירטען צושטאַנד. אין דער מענסטרואַציאָנס־פליסיגקייט שווימען עס מיט גאָנאָקאָקען. קיין צווייפעל ניט, די פרוי האָט גאָנאָרעע. דער מאַן האָט זיך מודה געווען ; ער האָט געכאַפּט א גאָנאָרעע פאַר דער חתונה. דער דאָקטאָר האָט אָפּערירט די פרוי ; זי איז א ניי־געבוירענע געוואָרען. זי איז געווען פאָלקאָמען געזונד ; אזוי זיינען פערגאַנגען זעקס מאָנאַטען, קיינע שלעכטע סימפּטאָמען : אַלץ אין אָרדנונג, פּלוצלונג קומט זי צום דאָקטאָר און ווי ערשטוינט איז ער זעהענדיג, אַז זי האָט שוין ווידער גאָנאָרעע. וואָס איז געשעהן ? מען הויבט אָן אויספרעגען דעם מאַן : ער דרעהט זיך, ער שעהמט זיך צו רעדען, ענדליך דערגעהט מען פון איהם, אַז ער האָט א „לעב געטהון“ און האָט ווייטער געכאַפּט אָדער אין איהם האָט זיך אָבגערופען די אַלטע גאָנאָרעע.

דער נור־וואָס ציטירטער פאַל איז ניט קיין איינצעלנער. אזוינס טרעפט זיך יעדען טאָג, און פרויען הויבען ניט אויף זייער קול. זיי דאַרפען זיך מאַכען ניט וויסענדיג, האַלטען פאַסאָן, זיי זיינען אונשולדיגע בעשעפענישען און זיי טאָר מען ניט דערצעהלען וועגען געשלעכט, אָבער שוין הערען זיך אַנדערע שטימען. מאָד גלעסגאָו שרייבט אינ׳ם מעדיצינישען רעקאָרד : יאָהרען ליידט א פרוי די גרעסטע צרות, זי ווערט שוואַך, נערוועז, אַלט ; איהר

לעבען ווערט איהר נמאס. די איינציגע האפנונג איז אן אפעראַ־ציאן : און האבענדיג שוין די אפעראציאן געמאכט, בלייבט זי פערקריפעלט, געשלעכטלאז אויפ'ן גאנצען לעבען, — אזוי רעדט היינטיגע צייטען א פרוי.

די פרוי וויל שוין ניט זיין קיין כפרה־היהנדעל פאר פרעמדע זינד — זי וויל ניט וויסען פון קיין דאפעלטער בוכהאלטונג : זי גיט אב אלץ דעם מאן און האט א רעכט צו פאדערען פון איהם אלץ. זי איז געשלעכטליך ריין, דארף ער אויך זיין געשלעכטליך־ריין. ווי נור די פרוי וועט פערשטעהן, אז איהר איז ניט אלץ איינס, ווי אזוי דער מאן איהרער האט געלעבט פאר דער חתונה, וועט זי אנהויבען קוקען אנדערש אויף זיינע אוואנטורען. זי מוז פערשטעהן, אז דעם מאנ'ס אויסגעלאסען לעבען איז א געפאהר פאר איהר און איהרע קינדער און זי וועט רעוואלטירען געגען דער היפאקראטישער מאראל, וואס ערלויבט דעם מאן צו רואינירען זיין פאמיליע.

---

## קאפיטעל 12.

# סיפילים.

בעריהמטע מעדיצינישע אויטאריטעטען בעהויפטען, אז פאר דער ענטדעקונג פון אמעריקא האט מען אין אייראפא פון קיין סיפי־לים ניט געוואוסט. אנדערע גרויסע אויטאריטעטען זיינען מיט זיי ניט איינפערשטאנען : לויט זייער מיינונג, איז די דאזיגע געפעהר־ליכע קראנקהייט געווען אן אלט־איינגעזעסענע אין אייראפא, נור געוועהנליך האט מען ניט געקענט אונטערשיידען צווישען איהר און אנדערע קראנקהייטען, ווי, צום ביישפיל, קרעץ. איבריגענס, איז א היינטיגען יונגערמאן אדער מיידעל ניט וויכטיג צו וויסען, פון וועל־כען לאנד די קראנקהייט שטאמט און ווי אלט זי איז. אונז איז וויכטיג צו וויסען אז סיפילים האט זיך פערשפרייט גאנץ שטארק אין אונזערע הייזער און געשעפטען און פאבריקען. מיר דארפען זעהן צו פערשטעהן וואס איז דאס פאר א קראנקהייט און ווי מיידט מען זי אויס.

א אינטערעסאנטער אנעקדאט ווערט דערצעהלט וועגען א פראנצויזישען עדעלמאן. בעגלייטענדיג זיין זוהן, וועלכער האט פערלאזען דעם פאטער'ס הויז און געפאהרען אין א גרויסער שטאדט,

האָט דער פאָטער אזוי געזאָגט דעם זוהן: אויב דו האָסט ניט מורא פאַר גאָט, טו האָב מורא און היט זיך וועניגסטענס פון סיפילים. די זעלבע עצה קענען מיר איצט געבען יעדען יונגערמאַן, יעדער מיידעל. אויב אלע וואָלטען געוואוסט די שרעקליכע פאָלגען פון דער דאָזיגער קראַנקהייט, וואָלטען זיי דערציטערט געוואָרען פאַר שרעק. סיפילים איז דער גרעסטער, דער שרעקליכסטער שונא פון דער מענשהייט.

סיפילים איז א אַנשטעקענדע קראַנקהייט, וואָס נעמט זיך פון א געוויסען מיקראָב, וועלכער בעזעצט זיך אין'ם אָרגאַניזם בירושה אָדער פון אַנשטעקונג.

די קראַנקהייט איז א כראָנישע. זי לאָזט אָב, ווערט שוואַכער, לאָזט זיך גאָרניט פיהלען און פלוצלינג בעווייזען זיך ווידער די שרעקליכע סימפּטאָמען און זי הויבט אויפ'ן ניי אָן אויפצופרעסען דעם אָרגאַניזם. עס איז אונבעשטימט, ווי לאַנג האַלט זיך דער סי־פיליטישער גיפט אין'ם אָרגאַניזם. די קראַנקהייט קען אָנכאַפּען יע־דען איינעם אָרגאַן; קיינער איז פאַר איהר ניט בעוואָרענט.

סיפילים איז ניט קיין לאָקאַלע אָדער נאַציאָנאַלע קראַנקהייט. דאָס איז א וועלט־צרה: סיפילים איז פערשפּרייט איבער דער גאַנ־צער וועלט.

וואָס זיינען די סימפּטאָמען פון סיפילים? מיר נעמען א גע־וועהנליכען פאַל. א יונגערמאַן האָט געהאַט געשלעכטליכע פער־העלטניסען מיט א סיפיליטישער פרוי. עס פערגעהען ארום פינף וואָכען, ער בעמערקט גאָרניט. אָבער פלוצלינג דערזעהט ער אויפ'ן געשלעכטליכען אָרגאַן עפּעס א בלעזעל, וואָס וואַקסט, ווערט גרע־סער. דאָס בלעזעל ווערט פערהאַרטעוועט פון אונטען און אייטערט פון אויבען: דאָס דאָזיגע געשוויר הייסט שאַנקער. צעהן טעג פערגעהען, זייט דאָס געשוויר, דער שאַנקער האָט זיך בעוויזען און דער יונגערמאַן בעמערקט, אז די דריזען פון דעם שאָמאָרט (פּאַך) ווערען אָנגעשוואָלען. קיין גרויסען וועהטאָג פיהלט דערוויל דער יונגערמאַן ניט. אָפט האָט ער קיין שום וועהטאָג ניט. מאַכט ער זיך ניט, טהוט גאָרניט.

אין דריי־פיער וואָכען ארום עפענט זיך דאָס געשוויר, אָבער די פערהאַרטונג בלייבט אונטער'ן הויט. דאָס זיינען אלץ אָרטיגע סימפּטאָמען: אין צוויי־דריי מאָנאַטען נאָך דער אַנשטעקונג בע־מערקען מיר שוין די ערשטע גענעראַל סימפּטאָמען. די ביינער

ברעכען, ביי נאכט פיהלט דער קראַנקער א קליינעם פיבער, ער איז גייסטיג דערשלאָגען, אַן אויסשלאָג בעמערקט זיך אויפ'ן לייב און וואונדען אין מויל און האלז. דערזעהענדיג דאָס, דערשרעקט זיך דער קראַנקער, לויפט צום דאָקטאָר אין דערגעהט די טרויעריגע נאָכריכט, אז ער האָט סיפילים אינ'ם צווייטען סטאַדיום. אזא צו־שטאַנד דויערט געוועהנליך צוויי אָדער צוויי־און־א־האלב יאָהר. דער אויסשלאָג פערגעהט אָפט שנעל, אָבער קעהרט זיך צוריק ווידער.

דאָס בלוט אינ'ם קערפּער פונ'ם קראַנקען און די געשווירען אויפ'ן לייב און הויט האָבען אין זיך די גיפטיגע שטאָפען, וואָס קענען אין משך פון דריי־פיער יאָהר איבערגעגעבען ווערען סיי בירושה די קינדער, סיי אַנדערע מענשען, מיט וועלכע דער קראַנקער קומט אין בעריהרונג.

נאָכ'ן צווייטען סטאַדיום קומט דאָס דריטע — עפּעס שרעק־ליכערעס קען מען זיך ניט פאָרשטעלען! בעזונדערס צושטערענד ווירקט די שטאַרק ענטוויקעלטע קראַנקהייט אויפ'ן נערוועו־סיס־טעם. גאַנץ אָפט רופט סיפילים ארויס מענינגיטיס פון געהירן און רוקענביין, פּאַראַליז פון פיס אָדער איין זייט פון קערפּער, פער־ווייכונג פון געהירן און פערשידענע אַנדערע קראַנקהייטען, וואָס צושטערען דעם רוקענביין און ווערען זעלטען, זעלטען קורירט.

מיר ווייסען פון אזעלכע פּאַלען, ווען סיפילים איז ניט דערגאַנ־גען צום דריטען סטאַדיום. עס איז ניט קיין מוז, אז א קראַנקער זאָל דוקא דורכגעהן די קראַנקהייט אין אַלע איהרע שטופען. אויב ער זעהט זיך היילען באַלד אין אָנהויב, קען ער האָפען אויסמיידען די שרעקליכע ווירקונגען פון דעם לעצטען, געפעהרליכסטען דריטען סטאַדיום. אָפט אָבער פערגעהען חדשים און יאָהרען זייט די ערשטע וואונדען האָבען זיך בעוויזען און עס דוכט זיך, אז די קראַנקהייט פּראָגרעסירט ניט און פּלוצלונג — אַלע סימפּטאָמען פונ'ם דריטען סטאַדיום. דעריבער איז נויטיג איינס: זיין פּאָרזיכטיג, ניט גע־וואַרט, ניט אָבגעלעגט! ווי נור איהר האָט א פערדאַכט, אז איהר האָט געכאַפּט די קראַנקהייט, פרעגט דעם דאָקטאָר, קורירט זיך סיסטעמאַטיש, פערלאָזט ניט די קראַנקהייט, אויב איהר ווילט זיך ניט קוילען.

אין יעדען פּאַל פון סיפילים מוז זיך בעווייזען דאָס סיפילים־בלעזעל, דער כאַראַקטעריסטישער שאַנקער און געוועהנליך טאַקי — אויפ'ן אָרט פון דער אָנשטעקונג; ארום דעם דאָזיגען אָרט ווערען

געשוואָלען די דריזען. האָט איהר גענוצט עפּעס, וואָס דער סיפיליטיקער האָט געהאַלטען אין מויל און האָט ער אין מויל וואונדען, קענט איהר זיין זיכער, אַז שאַנקרען וועלען אַרויסשפּרינגען ביי אייך אויף די ליפּען, אין האַלז אָדער מויל און די דריזען פון'ם האַלז וועלען אָנגעשוואָלען ווערען.

מען רעכענט, אַז אַ צעהנטעל פון די, וואָס נעמען זיך אָן מיט סיפילים, נעמען זיך אָן אונשולדיגערהייט, בעזונדערס אין אייראָפּע, וואו עס איז איינגעפיהרט, אַז מען קושט זיך, מען נעמט זיך ארום. אויף אַזא אופן גיט זיך איבער די שרעקליכע קראַנקהייט. ביי אונז אין די פעראייניגטע שטאַאטען איז דאָס זעלטענער.

אָן וועלכע סימפּטאָמען דערקענען מיר די קראַנקהייט ביי פרויען? מיר מוזען געדענקען, אַז אין אָנהויב קראַנקהייט האָט די פרוי ניט קיין אהנונג פון דער קראַנקהייט. ברעכען איהר די ביינער, מיינט זי, אַז זי האָט מאַלאַריא אָדער האָט זיך איבערגעארבייט. די וואונד אין מויל שרעקט זי אביסעל, אָבער זי רעכענט, אַז דאָס וועט באַלד פערגעהן. אפילו דער אויסשלאָג אויף דער הויט איז פאַר איהר קיין וואָרנונג ניט. אויפמערקזאַמער ווערט זי נור, זעהענדיג, אַז זי האָט פון יאָהר צו יאָהר אבאָרטען. אַזוי קענען אוועקגעהן יאָהרען און די קראַנקהייט זאָל זיך טהון איהרס און די פרוי זאָל אַלץ ניט מערקען גאָרניט. ניט שטענדיג איז דאָס אַזוי. ביי יעדען איינעם נעמט די קראַנקהייט אָן אַן אַנדער כאַראַקטער. ביי איינעם געהט עס שנעלער, ביי דעם אַנדערען — לאַנגזאַמער.

גאָנאָרעע און סיפילים זיינען עהנליכע קראַנקהייטען, אָבער זיי אונטערשיידען זיך שטאַרק איינע פון דער אַנדערער. די סימפּטאָמען פון גאָנאָרעע בעווייזען זיך אין אַ וואָך אָדער צעהן טעג נאָך דער אָנשטעקונג, וועהרענד סיפילים לאָזט זיך פיהלען ערשט אין פינף־ זעקס וואָכען. גאָנאָרעע ווערט בעטראַכט פאַר אַ ריין געשלעכטליכע קראַנקהייט, ווייל מיט גאָנאָרעע נעמט זיך איינער אָן, האָבענדיג געשלעכטליכען פערקעהר נור. אַנדערש איז מיט סיפילים. מיט סיפילים קען מען זיך אָננעמען אין רעסטאָראַן, באָד, ביי'ם דענטיסט. בענוצענדיג זיך מיט'ן סיפיליטיקער'ס האַנדטוך, גלאָז, גאָפּעל ריזיקירט איהר ווערען סיפיליטיש. ראַזירענדיג זיך אָדער היילענדיג די צייהן קענט איהר זיך אָננעמען מיט דעם געפעהרליכען סיפיליטישען גיפט.

גאַנצע ווערט בעטראַכט פאַר א געפאהר פאר דער געזעלשאפט, ווייל זי האָט א שלעכטע ווירקונג אויף די געשלעכטליכע אָרגאַנען, מאַכענדיג דעם מאַן אָפט אונפעהיג צו׳ם געשלעכטליכען לעבען. אויב אַזוי קוקען, איז סיפילים נאָך א גרעסערע געפאהר, ווייל ער ווירקט ניט נור אויפ׳ן קראַנקען, נור אויך אויף זיינע קינדער. פאַר די זינד פון די פאָטערס מוזען אָבקומען די קינדער.

פון זעכציג ביז אַכציג פּראָצענט קינדער פון סיפיליטישע עלטערען שטאַרבען באַלד, ווי זיי ווערען געבאָרען אָדער אין דער פריהעסטער קינדהייט. א געוויסער שרייבער האָט ריכטיג בעמערקט: „דער גרעסטער פערברעכער איז דעריעניגער, וואָס פערגיפטעט די לעבענס־צעלען פון דעם קינדער־אָרגאַניזם“.

אינ׳ם פאַל פון ערבליכען סיפילים בעמערקען מיר ניט קיין שאַנקרען אָדער וואונדען. אָבער די אַנדערע סימפּטאָמען זיינען אַזוי בולט, אז יעדער דאָקטאָר קען גלייך שטעלען א דיאַגנאָז.

לאָזט זיך א קראַנקער באַלד קורירען, קען ער האָפען, אז מיט דער צייט וועט ער קענען האָבען געזונדע קינדער. ער דאַרף ווארטען ניט וועניגער פון צוויי יאָהר — אין אַנדערע פאַלען טאָר ער פאַר פינף יאָהר נאָך דער אָנשטעקונג און קורירונג ניט האָבען קיין געשלעכטליכע פערהעלטניסען מיט זיין פרוי אָדער יעדער אַנדערער פרוי. טהוט ער עס דאָך, גיט ער איבער די מיאוסע, שווערע קראַנקהייט זיינע קינדער. די מוטער איז אין נאָך א גרעסערע געפאהר. מיר קענען שווער בעשטימען, ווען מעג א סיפיליטישע פרוי לעבען געשלעכטליך. עס איז בעוואוסט, אז פרויען האָבען איבערגעגעבען זייערע קינדער סיפילים, נאָכדעם ווי יאָהרען לאַנגע האָבען זיך קיין שום סימפּטאָמען אָדער וואָס פאַר ס׳איז סמנים פון דער קראַנקהייט ניט געלאָזט זעהן אָדער פיהלען.

גוטע אויטאָריטעטען זאָגען, אז אויב א קראַנקער האָט סיפילים פינף יאָהר און האָט ניט וועניגער פון צוויי יאָהר ניט געהאַט קיין שום אָנפאַלען אָדער סמנים פון דער קראַנקהייט און ניט גענויטיגט זיך אין קורירען, מעג ער חתונה האָבען און בכלל לעבען געשלעכטליך. אודאי קען ער אויך נאָך פינף יאָהר האָבען ווידער אָנפאַלען פון סיפילים, אָבער דאָס איז דאמאלס ניט מעהר אָנשטעקענדיג.

די רעזולטאַטען פון דעם קורירען זיך הענגען אָב פון די גע־

וואוינהייטען פון א מענשען, זיין נאַטור, זיין סביבה. עס איז נים גוט, אז דער קראַנקער איז א טרינקער און האָט ליעב צו רויכערען. אַלקאָהאָליקער איז זעהר שווער אויסצוקורירען.

עס קען ניט זיין קיין צווייפעל, אז אויב סיפּילים ווערט קור־רירט ווי עס דאַרף צו זיין, מעג יעדער קראַנקער האָפען אויף גע־נעזונג. דער בערימטער פראַנצויזישער געלעהרטער פורניע זאָגט: איך אליין וואָלט געקענט דערצעהלען פון הונדערטער קראַנקע מיינע, וואָס האָבען זיך אויסגעקורירט פון סיפּילים, האָבען חתונה געהאַט און זיינען געוואָרען פּאָטערס פון געזונדע, נאָרמאַלע קינדער.

האָט אָבער יעדער איינער, וואָס גענמט זיך אָן מיט סיפּילים, א מעגליכקייט צו קריגען די ריכטיגע מעדיצינישע בעהאַנדלונג?

דר. פּרינס א. מאָראָו שרייבט: „א שנעלע מעדיצינישע הילף איז ניט נור אין די אינטערעסען פון דעם קראַנקען סיפּיליטיקער, נור גאַנץ בעזונדערס אין די אינטערעסען פון די ארומיגע, פון יענע אַלע, וועלכע ער קען אָנשטעקען. אָבער די לאַגע איז אזא: קיין ספּעציעלע האָספּיטעלער פאַר ווענעריש־קראַנקע האָבען מיר ניט. א קליינע צאָהל האָספּיטעלער נעמען אריין סיפּיליטיקער אין דעם ערשטען, קורירבאַרען סטאַדיום פון דער קראַנקהייט; נאָך ווייניגער קראַנקען־הייזער האָבען בעזונדערע ווענערישע אָבטיילונגען. אפילו די דיספּענסערים זיינען ניט צוגעפּאַסט צו די בעדערפנישען פון די ווענערישע קראַנקע. זעהר זעלטען זיינען זיי אָפען ביי נאַכט, אזוי אז דער ארבייטער, וואָס געהט אינ'ם דיספּענסערי, מוז פערלירען א טאָג ארבייט און אָפט ריזיקירט ער מיט דער שטעלע. וואָס איז דער רעזולטאַט? טויזענדער און טויזענדער געהען צו שווינדלער־דאָקטוירים אָדער נעמען די בעריהמטע פּאַטענט־מעדיצינען, וואָס העלפען ניט און זיינען צומאָל אויך שעדליך. די טויזענדער געהען ארום, פערשפּרייטענדיג די זאָמען פון דער שרעקליכער קראַנקהייט."

דר. מאָראָו רעדט וועגען האָספּיטעלער, אבער ווי האַלט עס מיט די פּריוואַטע דאָקטוירים? איך וועל דערצעהלען וועגען א פאַל, וועלכער איז מיר גוט בעקאַנט. צו מיר איז געקומען א מייד־דעל, וועלכע איז געווען דריי יאָהר קראַנק. איידער זי איז געקו־מען קיין ניו־יאָרק האָט זי זיך אין דריי שטעדט געבעטען אין האָספּיטעלער. אומעטום האָט מען איהר אָבגעזאָגט. זי איז גע־גאַנגען צו דאָקטוירים: יעדער האָט איהר געזאָגט דאָסזעלבע, אז זי מוז זיך סיסטעמאַטיש קורירען און דערצו דאַרף מען געלד. מען

האט ביי איהר געבעטען פון $150 ביז $500. די מיידעל האט פער־רינט אזוי וועניג, אז פון איהר פערדינסט איז איהר געבליבען יעדע וואך ניט מעהר פון $2. עס פערשטעהט זיך, אז צו א דאקטאר האט זי ניט געקענט געהן. וואס טהוט מען? האט זי אנגעהויבען צו שטאפען זיך מיט פאטענט־מיטלען. איהר איז געווארען אלץ ערגער און ערגער. ענדליך האט איהר צוגענומען א פילאנטראפישע אנשטאלט, וועלכע האט איהר פערזארגט ביז'ן טויט. עס איז שוין געווען צו שפעט. ווען איך האב איהר געזעהן, איז איהר נאז און אויבערשטע ליפ געווען אויפגעפרעסען, זי האט ניט געהאט כמעט קיין צייהן, פערשוואונדען זיינען געווארען איהרע האר, אויגען־ברעמען — בעשרייבען ווי די ארימע מיידעל האט אויסגעזעהן איז אונמעגליך.

די געשיכטע, וואס איך האב דערצעהלט, איז ניט קיין אויס־נאמס־געשיכטע. דאס איז א געוועהנליכע זאך. טויזענדער סיפי־ליטיקער געהען ארום איבער די גאסען פון אונזערע שטעדט און שטעקען אן מענשען. זיי קענען ניט צאהלען די דאקטוירים, וויפיעל יענע פאדערען. אינטערעסאנט איז, אז ריזעלבע דאקטוירים, וואס שרייבען און פראטעסטירען געגען די שווינדעל־דאקטוירים, פער־גינען זיך צו פאדערען פון קראנקע צו גרויסע האנארארען. דעם קראנקען בלייבט ניט קיין אנדערער אויסוועג, ווי פוילען אליין און ווערען א געפאהר פאר אנדערע. דער דאקטאר האט קיין שום פער־אנטווארטונג ניט אנטקעגען דער געזעלשאפט. ער פרעגט ניט, וואס געהט דער פאציענט טהון. ניט זיין דאגה! האט ער ניט געלט צו בעצאהלען, זאל ער געהן!

די געזעלשאפט איז גארניט קאנסעקווענט. זי קעמפפט געגען אזעלכע אנשטעקענדיגע קראנקהייטען, ווי מאזלען, טיפוס, דיפטע־ריט. פון יעדעם דאקטאר ווערט געפאדערט, אז פון יעדען איי־נעם וואס האט אזא קראנקהייט, ווי דיפטעריט, מאזלען, זאל גע־מאלדען ווערען דעם געזונדהייטס־דעפארטמענט. אבער נאך אלע־מען וואס זיינען מאזלען אנטקעגען דעם געפעהרליכען סיפילים? איז נויטיג האלטען אין אויג, אין זין האבען, אבטיילען פון די גע־זונדע יענע, וואס האבען מאזלען, דיפטעריט, טו פארוואס האבען מיר גארניט אין זין די סיפיליטיקער?

## קאַפּיטעל 13.

# עלטערע יאָהרען

שוין אין אָנהויב ביכעל האָבען מיר ערקלערט, אז דאָס דורכ־שניטליכע מיידעל הויבט אָן צו האָבען דאָס מאָנאַטליכע אינ'ם על־טער פון פופצעהן יאָהר און האָט דאָס ביז פינף־און־פערציג אדער פופציג יאָהר. אין די דאָזיגע יאָהרען הערט אויף דער מענסטרו־אַציאָנס־פּראָצעס. די פופציג־יעהריגע פרוי ווערט געשלעכטליך פערענדערט, אָן אנדערע. זי איז מעהר ניט פעהיג צו האָבען קינ־דער. א גרויסע רעוואָלוציאָן קומט פאָר אין איהר לעבען.

געוועהנליך הערט דאָס מענסטרואירען אויף ניט מיט א מאָל. עס הויבען זיך אָן אונרעגעלמעסיגקייטען אינ'ם פּראָצעס. אזוי געהט עס א צוויי־דריי יאָהר. און דערנאָך קומט די גרויסע ענ־דערונג אינ'ם לעבען פון דער פרוי: זי קען מעהר מוטער ניט זיין.

געוועהנליך שרעקען זיך זעהר שטארק פרויען פאר די דאָזיגע יאָהרען. זיי וויסען אזוי וועניג וועגען דעם, וואָס ערוואַרט זיי, אז זיי עקוואַרטען אלדאָסבעז. דאָס איז פאַלש. עלטער איז אזוי נאַ־טירליך, ווי יוגענד. וואס וועניגער געשראָקען זיך — אלץ לייכטער וועט דער פרוי זיין איבערלעבען די דאָזיגע קריטישע יאָהרען.

דאָס וויכטיגסטע, וואָס קומט פאָר אין די יאָהרען אינ'ם פרוי־ען־אָרגאַניזם, איז דאָס, וואָס אָוואולאַציאָן ווערט אונמעגליך: דער אייערשטאָק טיילט מעהר קיין אייערלעך ניט אויס. דאָס איז א שרעקליכע ערפאהרונג פאר דער פרוי; דאָס הייסט, אז זי וועט מעהר קיין מוטער ניט קענען זיין. דאָס, וואָס דאָס מאָנאַטליכע הערט אויף, איז דער ערשטער, דער וויכטיגסטער אָנזאָג, אז די קרי־טישע צייט איז געקומען. אָפט געהט אָן אָוואולאַציאָן עטליכע מאָ־נאַטען, אפילו א יאהר, נאָכדעם וואָס די פרוי האָט שוין מעהר קיין מאָנאַטליכע ניט. די געוועבען פון דער געבירמוטער, די פאַלאָפּיען־רעהרען און אייערשטאָק דעגענערירען, ווערען איינגעשרומפּט. אינ'ם אייערשטאָק געשעהט דאָסזעלבע שפּעטער, דעריבער איז מעגליך די אָוואולאַציאָן א געוויסע צייט נאָכ'ן אויפהערען פון מענסטרואַציאָן.

זעלטען ווען איהר טרעפט פרויען, וואָס זיינען איבערגעקומען די דאָזיגע קריטישע יאָהרען אָהן יעדער פּיין און וועהטאָג; די מייסטע פרויען האָבען אין די יאהרען פערשידענע קראַנקהייטען

און צרות. עס טהוט זיי וועה דער קאָפּ, דער רוקען; זיי קענען ניט שלאָפען, זיי האָבען היץ, ווערען רויט אין פּנים, קאָפּ און נאָז, שווי־צען אָפט, קענען ניט חאַפּען דעם אָטעם, זיינען נידערגעשלאָגען, נערוועז, ליידען פון דיארעע אָדער פערשטאָפּונג פון מאַגען. דער ערגסטער סימפּטאָם איז אָבער א בלוטשטורץ. ווי נור עס בעווייזט זיך בלוט, דארף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג. דאָס בלוטען קען זיך נעמען פון א ענטצינדונג פון דער געבירמוטער; אָדער אַלגעמיינע קראַנקהייטען פון האַרץ, לונגען, נירען אָדער געשווילעכצען קענען זיין די אורזאכע פון א אונגעוועהנליכען בלוטשטורץ אין די יאהרען. געוויסע אויטאָריטעטען בעהויפּטען, אז אָפט נעמט זיך דאָס פון שכרות, אבאָרטען, צו אָפטע און שווערע קינדער געבורטען, פון צו פריהער אָדער צו שטאַרקער מענסטרואציאָן. מייסטענטיילס דארף מען דעם בלוטשטורץ צושרייבען א קרעבס־געשווילעכץ: עס איז א פאקט, אז אין די יאהרען צווישען פערציג און פופציג האָבען פרויען מייסטענס קרעבס. היינט בעטראַכט מען דאס פאר א לאָ־קאַלע קראַנקהייט און אויב מען שניידט דעם קרעבס (קאַנסער) אויס בעצייטענס, קען די קראנקע געהיילט ווערען. האָט אין זין, אז בלוטשטורץ איז א געפעהרליכער סימפּטאָם. זעהט איהר בלוט, געהט צום דאָקטאָר. אזוי ווי די שוואַנגערע פרוי מוז זיין אונטער דעם דאָקטאָר׳ס אויפזיכט, אזוי מוז אויך די עלטערע פרוי אין די קריטישע יאָהרען זיך לאָזען גוט בעטראַכטען און בעהאַנדלען פון א עהרליכען גוטען דאָקטאָר.

ווען א פרוי האָט דאָס מאָנאַטליכע נאָכ׳ן פופציגסטען יאהר, איז דאָס אזוי אוננאָרמאַל, ווי בלוטשטורץ. דאָס זיינען צוויי וויכ־טיגע סימפּטאָמען פון קראַנקהייט. אָפּט בעמערקען מיר אָבער דאָס ענטגעגענגעזעצטע, אז דאָס מאָנאַטליכע הערט די פרוי אויף צו האָבען פאַר דער צייט. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס זי האָט געהאט עפּעס א גייסטיגע אָדער פיזישע ערשיטערונג, א שווערע קראַנקהייט, אָפּעראַציאָנען.

ווען דאָס מאָנאַטליכע הערט אויף, הענגט אָב פון קלימאַט און ראסע. קיש זאָגט, אז דאָס סאָציאַלע שפּילט אויך א גרויסע ראָל. ער בעהויפּטעט, אז די ארבייטער־קלאסען פערלירען פריהער די געשלעכטליכע פעהיגקייטען, זייענדיג געצוואונגען צו ארבייטען שווער און טראָגענדיג אויפ׳ן קאָפּ צופיעל זארגען.

ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, הערט ניט אויף דאָס מענ־

סטרואירען פלוצלונג מיט אמאָל. אין משך פון צוויי־און־א־האלב, דריי יאהר איז דער דאָזיגער פּראָצעס אונרעגעלמעסיג. די גע־שלעכטליכע אָרגאַנען ווערען אַטראָפּירט ביסלעכווייז. די געבירמוט־טער ווערט קליין; די שייד — גלאַט, די עפענונג פון דער שייד־שרומפּט איין. אלעס בעווייזט, אז די פרוי געהט אריין איצט אין א נייער וועלט.

עס וואָלט געווען זעהר גוט, אז יעדע פרוי אין די דאָזיגע יאה־רען זאָל קענען בייטען דעם קלימאט, רוהען א צייט, ביז די ענדע־רונג וועט זיך איינשטעלען. די פרוי האָט א רעכט צו פאָדערען דאָס פון דער געזעלשאַפט. זי האָט געדינט דער געזעלשאַפט. זי האָט אָבגעגעבען אלץ דער מענשהייט. איצט מעג די געזעלשאַפט איהר פערשאַפען אביסעל רוה.

טילט גלויבט, אז ניט־פערהייראַטעטע פרויען ליידען ווייניגער אין די קריטישע יאהרען, ווי די פערהייראַטעטע.

שלעכט איז, וואָס פרויען איבערטרייבען די געפאַהרען פון דער דאָזיגער צייט. מען קען זיך לייכט צופּאַסען צו איהר, צו די נייע בעדינגונגען.

ערשטענס דאַרף יעדע פרוי אין די דאָזיגע יאָהרען האלטען דיעטע און זעהן צו האָבען א גוטען מאָגען. דאָס בעסטע איז עסען עפּעס לייכטעס, וועגעטאַביליען. איז די פרוי פערנומען מיט פיזי־שע ארבייטען, מעג זי עסען פלייש איינמאָל א טאָג. היט זיך אָב פון מאכלים, וואָס זיינען שווער צו פערדייען, ווי קעז, הייסע ברויט, געבראָטענע זאכען; טרינקט א סך וואַסער. עסט פרוכט. שפּאַ־צירט, רוהט אויס, שלאָפט נאָרמאַל, לאָזט ניט צו קיין זאָרגען צו זיך — דאָס איז די בעסטע עצה, וואָס מיר קענען געבען דער פרוי, וואָס עלטערט זיך.

טילט זאָגט: „דאָס בעסטע מיטעל אויסצומיידען די געפאַה־רען פון דער דאָזיגער קריטישער צייט איז זיין פיזיש גוט צוגעגרייט צו איהר." און ווייטער בעמערקט ער: „היט זיך! אין די יאה־רען ווערען אלע קראַנקהייטען, וואָס קלעפען זיך צו צום אָרגאַניזם, כראָנישע קראַנקהייטען, ווייל דער קערפּער האָט זעהר ווייניג ווי־דערשטאַנדס־קראַפט."

די פרויען אין די עלטערע יאָהרען דאַרפען זיך היטען, פאָל־גען דעם דאָקטאָר'ס עצות, זיין פאָרזיכטיג, אָבער — ניט ציטערען, ניט שרעקען זיך.

# אַ פּאָר שלום ווערטער.

פּערענדיגענדיג דאָס ביכעל, ווילט זיך מיר זאָגען, אז די פרויען
מוזען ענדליך פערשטעהן, אז זיי זיינען ניט נור מוטערס, נור אויך
מענשען. זיי זיינען מעהר ווי א קינדער־פּראָדוצירענדע מאַשין.
מען האָט דער פרוי איינגערעדט, אז איהר איינציגער צוועק אין לע־
בען איז מוטערשאַפט. צו לאַנג האָט זיך די פרוי געלאָזט איינשפּאַ־
נען אינ׳ם שווערען יאָך פון מוטערשאַפט! ווי שקלאַוויש זיינען
געוועזן די פרויען. זיי האָבען ווירקליך געגלויבט, אז זיין א מוטער
איז אלץ. דאָס איז געוועזן די איינציגע האָפנונג פון דער פרוי,
איהר איינציגער פערלאַנג, איהר איינציגער צוועק אין לעבען. איז
א וואונדער, וואס ווערענדיג אלט און ניט־פעהיג צו האָבען קינדער,
פיהלט זיך די פרוי פערלאָזען, איינזאַם, אונגויטיג? וואס איז צו
וואונדערען זיך, אז אין די עלטערע יאָהרען ווערט זי מעלאַנכאָליש,
נידערגעשלאָגען, פערריקט?

די היינטיגע פרוי איז א גליקליכערע. זי בעפרייט זיך בים־
לעכוויז פון די פערעלטערטע בעגריפען. אלץ מעהר פערשטעהט
זי, אז זי איז א מוטער, און א מענש דערצו. דעריבער פערשטעהט
זי, אז אויב עס זיינען פארביי די יאָהרען פון מוטערשאַפט, איז נאָך
אבער ניט פארביי דאָס גאַנצע לעבען. זי האָט, אלס מוטער, אָנ־
געזאַמעלט אַ גרויסע ערפאַהרונג. זי ווייס פערשידענעס. האָט
איבערגעלעבט א וועלט. איצט, אין די עלטערע יאהרען, קען זי
ווערען ניצליך דער וועלט אויף אן אנדער אופן. איצט קען זי
אריינווארפען זיך אינ׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען; איהרע מוטער־
פליכטען נעמען אויף זיך אנדערע פרויען, אבער זי, — א בעפריי־
טע פון די זאָרגען וועגען קינדער און הויז, — קען איצט בעפרוכטען
די געזעלשאַפט מיט איהר רייכער ערפאַהרונג.

אין די עלטערע יאהרען, ווען אלעס האָט זיך, דוכט זיך, גע־
ענדיגט פאר דער פרוי, הויבט זיך אלעס ערשט אָן פאר איהר — א
נייע עפּאָכע קומט.

נאָך אַ וואָרט וועגען געשלעכטליכקייט און עקאָנאָמישע פּראָב־
לעמען פון אונזער צייט. עס איז אונמעגליך צו רעדען וועגען
פּראָסטיטוציאָן, סיפילים, דעם פערשוויינען פונ׳ם געשלעכטליכען
און דערביי ניט אָנריהרען די אָנגעוועהטיגטע עקאָנאָמישע ווידער־

שפּרוכען פון אונזער צייט. די וועלט שטעהט אין אנגעזיכט פון א גרויסען קריזיס. דאָס גאַנצע געבוי פון דער היינטיגער געזעלשאַפט איז צופוילט.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז א פוילע געזעלשאַפט. אין דער איצטיגער געזעלשאַפט האָט דאָס יונגע מיידעל קיין האָפ־נונג ניט צו לעבען א ציכטיג לעבען: די יוגענד קען ניט ענטוויק־לען איצט די פיזישע קרעפטען איהרע: די פּראָסטיטוציאָן וועט ניט פערשווינדען און א שטאַרקע, געזונדע ראַסע וועט ניט אויפ־שטעהן, ביז די פוילע געזעלשאַפט וועט ניט צערשטערט ווערען.

די פרוי וועט נעמען אין האַנד איהר שיקזאַל.

די פרוי איז דער נאַטירליכער שונא פון דער פערפוילטער גע־זעלשאַפט.

די פרויען אַלע דאַרפען אויפהויבען זיך, ווי איין מענש געגען דער איצטיגער אָרדנונג, וואָס פערשקלאַפט די פרוי, עקאָנאָמיש און געשלעכטליך.

וואָס מעהר ליכט! פערשטעהן דאַרפען מיר פריהער און האָבען מיר פערשטאַנען די אורזאַכען, וועלען מיר געהן ווייטער: מיר וועלען דער דאַזיגער עקאָנאָמישער שקלאַפעריי, וואָס, בינדט פרוי און מאַן ערקלערען קריג — דעם קריג אויף לעבען און טוידט.

# וואָס יעדע מוטער
# דאַרף וויסען

לייגט אריין דער מוטער אין מויל דאָס, וואָס זי דאַרף דער־צעהלען איהרע קינדער וועגען די וויכטיגע געשלעכטליכע פּראָצעסען, וואָס אינטערעסירען אזוי שטארק יעדעם קינד.

טויזענדער מוטערס ווילען זאָגען זייערע קינדער דעם אמת, אָבער זיי ווייסען נישט ווי טהוט מען דאָס. זיי ווייסען ניט, אין וועלכע ווערטער זאָל מען איינקליידען דעם אמת וועגען די דעליקאטע פראגען.

דאָס קליינע ביכעל „וואָס יעדע מוטער דאַרף וויסען" דער־צעהלט, ווי אזוי א מוטער האָט אריינגעפיהרט איהרע קינ־דער אין דער געהיימניספולער וועלט פון געשלעכט. אָנ־הויבענדיג מיט בלומען און איבערגעהענדיג צו פיש, פרא־שען, פויגעל, הינד און קעץ, האָט די מוטער ביסלעכווייז, דערצעהלענדיג, ווי די אלע בעשעפעניששען פערמעהרען זיך, צוגעגרייט די קינדער, זיי זאָלען פערשטעהן דאָס וויכטיג־סטע, דאָס געהיימניספולסטע — דעם סוד פון זייער אייגע־נער געבורט.

וויל א מוטער וויסען, ווי צו רעדען מיט קינדער וועגען דעם געשלעכטליכען, זאָל זי לעזען „וואָס יעדע מוטער דאַרף וויסען?"

**מאקס נ. מייזעל,**

424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.